STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02992

IN DER NAYER HEYM

Samuel Hurwitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. הורוויץ (א. ליטווין).

№ 106.

PROGRESSIVE LIBRARY
FEDERATION
Reorganized Dec. 1908.
TRENTON, N. J.

אין דער נייער היים

(בילדער אויס דעם ניו־יארקער געטא)

II

פערלאג „די וועלט"
ווילנא 1908.

НА НОВОЙ РОДИНѢ

(очерки изъ жизни евреевъ въ Нью-Іоркѣ).

Соч. С. Гурвича.

איבערזעצונגס-רעכט דעם
אויטאָר פאָרבעהאלטען.

אינהאלטס-פערצייכניס.

1. „קעצעלע" 3
2. „בולקע" 12
3. יעהאָר דער מרחץ-גוי אין אמעריקא 17
4. דער גרינער יענקי 23
5. די „פאַפּיטע" 28
6. פון יאטקע-גאס אין „עסינ"-סטריט 34
7. דער „פאָרטעל-מאכער" 41
8. פאר וואס? 46
9. און איהר האָט שטארק פערדראָסען 54
10. די ירושה פון איהר מאן 61
11. אהיים צו די סדרים 67
12. ברוגז 74
13. זיינע צוויי טעכטער 78
14. דער ראָמאן פון א פּיקטשור 83

אדרעס פונ'ם אויטאָר פער
אדרעס „די וועלט".

ש. הורוויץ (א. ליטווין).

№ 106.

אין דער נייער היים.

(בילדער פון ניו־יארקער געטא).

פרייז 30 קאפ.

פערלאג „די וועלט“
ווילנא 1908.

Набрано въ тип. Б. А. КЛЕЦКИНА, Завальная, 33.
Печатано въ тип. И. ЦІОНСОНА, Портовая, 7.

PROGRESSIVE LIBRARY
FEDERATION
Reorganized Dec. 1908.
TRENTON, N. J.

„קעצעלע"

(זיין קינדהייט און יוגענד און ווי אזוי ער איז געקומען צו דער מדרגה צו זיין א בעל־הבית פון א „קאסטען" און צוויי ווייסע מייז).

זיין נאָמען איז געווען אייגענטליך — שעפּע. נאָר דאָס האָבען שוין אלע לאַנג פערגעסען. אפילו ער אליין האָט שוין אויך כמעט פערגעסען זיין אייגענעם נאָמען. ווער עס האָט איהם נאָר געקענט, האָט איהם געקענט בלויז ביי דעם נאָמען „קעצעלע". אפילו זיין אייגענע ווייב האָט איהם ביי קיין אנדער נאָמען ניט גערופען, ווי קעצעלע — ווען זי איז נאָר געווען אין א גוטען הומאָר. בשעת זי איז אָבער געווען בייז און צאָרנדיג — און דאָס האָט געטראָפען ניט זעלטען, — פלעגט זי איהם פראָסט רופען — שלימזל.

דעם נאָמען „קעצעלע" האָט ער בעקומען גאַנץ פריה, נאָך בשעת ער איז געווען א קליינער אינגעל און איז געגאַנגען אין תלמוד־תורה. געקרוינט האָבען איהם מיט דעם דאָזיגען טיטעל — זיינע חברים — די איבעריגע תלמוד־תורה־קינדער.

שעפּע, אָדער שעפּקע, ווי מען האָט איהם לכתחילה גערופען אין תלמוד־תורה, — האָט געהאַט זעהר א פראָסטען קאָפּ צום לערנען, אָבער אויף שמד־שטיק, איז דאָס געווען א גאון. ווער און וועמעס ער איז געווען — האָט קיינער אין תלמוד־תורה ניט געוואוסט. קיין טאַטען און קיין מאַמען, קיין קרוב און קיין גואל פון איהם האָט מען קיינמאָל ניט בעמערקט. וואו ער האָט געשלאָפען און וואו ער האָט געגעסען האָט מען ניט געוואוסט. קיינער האָט זיך וועגען דעם ניט געקימערט און, דאַכט זיך, ער אליין אויך ניט. ער איז אימער אומגעלאָפען נאַקעט און באָרוועס, אימער האָט ער געהאַפּט מעהר קלעפּ פונ'ם רבי'ן, אָבער אימער איז ער געווען צאַפּלדיג און הדוה'דיג. גאַנץ אָפט פלעגט מען איהם זעהן האַלטענדיג אין מויל א שטיק שוואַרצען ברויט, אמאָל א ווערע אוגערקע, שטאָפּענדיג עס אין ביידע באַקען מיט משונה'דיגע העוויות, אז אפילו דער מרה־שחורה'דיגער רבי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון געלעכטער, קוקענדיג בשעת מעשה אויף קעצעלע'ס פּנים.

ווי ער „פּאַצאַפּעט“ דאָס ברויט מיט דער אוגערקע האָט קיינער ניט געוואוסט — נאָר יעדער איז געווען זיכער, אַז קעצעלע „קריגט“ און וועט קיין מאָל ניט זײַן הונגעריג.

וואָס פאַר אַ שמד'שטיק אין תּלמוד־תּורה האָט זיך ניט אָפּגעטאָן — איז קעצעלע תּמיד געווען דער ערשטער. ער האָט אָבער געקענט אָנשטעלן אַזאַ רחמנות'דיג פּנים'ל און מאַכן זיך אימער אַזוי תּם'עוואַטע, אַז דאָס רוב פלעגט ער אָפּקומען נאָר מיט עטליכע קניפּען, אָדער מיט טרוקענע קלעפּ, בײַ וועלכע ער פלעגט אַרויסלאָזן אַזעלכע משונה'דיגע טענער, אַז גאַנץ אָפט פלעגט זיך דער גאַנצער חדר צולאַכן און דער רבי, קוקענדיג אויף זיי, אויך.

זײַן רעכטע קונץ איז אָבער בעשטאַנען אין נאָכמאַכן דעם קול פון אַלערליי שטומע חיות און בהמות. נאָר בעסער פון אַלע האָט ער נאָכגעמאַכט קעץ. ער איז געווען אין דעם אַ'אמת'ער אַרטיסט. ער האָט געקענט נאָכמאַכן ווי אַ קאַץ בורטשעט, בעטעט, זי שטויסט זיך אָן מיט אַ הונד, ווען זי רײַסט זיך מיט אַן אַנדער קאַץ איבער אַ שטיקעל פליש, ווען זי מיאַוקעט; ער האָט געקענט נאָכמאַכן קליינע קעצעלעך און גרויסע קעץ. ער האָט אויך געקענט נאָכמאַכן ווי אַ קאַץ שפּיעלט זיך מיט אַ מויז און ז. וו. דערפאַר האָט ער דאָס בעקומען דעם טיטול „קעצעלע“.

ער איז אָבער אויך געווען אַ מײַסטער נאָכמאַכן הינט. זײַן שענסטע פאָרשטעלונג איז געווען: ווי אַ הונד האַפּט פליגען. די דאָזיגע פאָרשטעלונג האָט איהם שפּעטער ניט איין מאָל געראַטעוועט פון הונגער־טויט.

אין תּלמוד־תּורה האָט זיך קעצעלע אָפּגעוואַלגערט ביז 14 יאָהר. דערנאָך האָבען איהם די „פּאָפּעטשיטעלעס“ אָפּגעגעבען צו אַ בעל־מלאכה. ער האָט כּסדר דורכגעוואַנדרעוועט איין ווערקשטאַט נאָך דעם אַנדערען; געווען בײַ אַ שוסטער, בײַ אַ שנײַדער, בײַ אַ באָנדער, בײַ אַ טשעסלער, נאָר ערגעץ איז ער ניט אײַנגעווען מעהר ווי צוויי, דרײַ מאָנאַטען — ניט וואָס ער האָט ניט געוואָלט — נאָר זײַנע הענד האָבען זיך ניט געקלעבט צו קיין אַרבייט. ער פלעגט זוכען מיט כּל התחבולות, אַז דער בעל הבית, אָדער די בעל הבית'טע זאָלען איהם ערגעץ שיקען אַ שליחות. ער פלעגט פּשוט ניט קענען אײַנזיצען אין מאַסטערסקאַיע.

פלעגט מען איהם ערגעץ שיקען, פלעגט ער שוין קומען אין דרײַ, פיער שעה אַרום.

— קעצעלע, וואָס איז מיט דיר פאַר אַ קלאָג? וואו ביזטו

פאַרפאַלען געוואָרען אין שוואַרץ יאָהרען? — פרעגט מען איהם.

נאָר ביי קעצעלע'ן איז שוין תמיד געווען אַ תירוץ אָנגעגרייט, אַ גלאַטער, אַנ'אָבגעטאָקטער, און מ'האָט מיט איהם גאָרנישט געקענט מאַכען. עס האָט איהם ניט געהאָלפען קיין קללות, ניט קיין קלעפ, ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען.

אין אמת'ן פלעגט קעצעלע — אַז מען האָט איהם געשיקט אַ גאַנג — אַוועק בלאָנדזשען אין די פאַראַדנע גאַסען און קוקען אין די גרויסע שויבען אויף די שענע זאַכען, וואָס דאָרטען איז אַרויסגעשטעלט. אָדער — אין אַ מאַרק=טאָג — אַוועק אויפ'ן מאַרק, רייבען זיך צווישען די וועגען און בעטראַכטען די פערד מיט די בהמות, מיט די היהנער, וואָס מ'פלעגט אַהינצו ברענגען פערקויפען. דאָרטען איז געווען פאַר איהם אַ וועלט, אַ לעבען. ניט איין מאָל האָט ער געקראָגען גוט אָנגעבראָכען די ביינער פון די פויערים, וויל, מ'האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ קעשעניק, אָבער קעצעלע'ן האָט דאָס ניט געאַרט: אַלץ בעסער ווי זיצען אין דער לאַנגווייליגער מאַסטערסקאַיע.

אַ שבת, אַ יום=טוב, איז קעצעלע שוין אין שטוב ניט געזעסען. ער האָט זיך אומגעשלעפט מיט חברה, וואו שטאָדט האָט אַנ'עק. זיין שפּיעלען איז נאָר בעשטאַנען אין נאָכמאַכען פערשיעדענע חיות און בהמות זייערע שטימען, אָדער גלאַט אַרומשלעפען זיך מיט הינד אָדער קעץ.

איז געווען אין שטאָדט אַ צירק, איז ער שוין געלעגען אַרום צירק טאָג און נאַכט.

ענדליך איז שוין קעצעלע געוואָרען אַזוי בערימט צווישען די בעלי=מלאכות, אַז קיינער האָט איהם מעהר ניט געוואָלט צונעהמען.

גוטע לייט האָבען זיך אויף איהם דערבאַרעמט און אָבגעגעבען איהם אין אַנ'אַכסניא פאַר אַ משרת. דאָ האָט ער געהאַט נאָכאַנאַנד צולויפען און דאָס איז איהם לכתחלה געפעלען געוואָרען. אָבער דאָס האָט אויך לאַנג ניט געדויערט. דער בעל הבית האָט איהם אַרויסגעטריבען צוליעב אַזאַ געשיכטע: אַמאָל זענען עטליכע אורחים געזעסען אין פאָדערשטוב און געגעסען. דער בעל הבית איז אויך דאָרט געווען מיט איינעם פאַררעדט. פלוצלונג הערט מען אין מיטען שטוב אַ ווייבערשען קוויטש; נאָכ'ן קוויטש האָט גענומען דונערן און בליצען אַ גאַנצע תוכחה — אַ צעטעל פון ווייבערשע קללות וכל מאמינים — וואָס די האַרץ געלוסט. דאָס אַלעס, מיט די שענסטע און בעסטע טיטולען איז געווען אַדרעסירט אויפ'ן

בעל הבית'ס נאָמען. נאָך יעדער פּאָר קללות — אַ טיטול, נאָך יעדען טיטול — אַ קוויטש מיט אַ פּערגייענעס, מיט אַ יאָמער.

דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעכאַפּט אויסער זיך פון איבערראַשונג. זכריה אַליין, דער בעל־הבית, הייסט דאָס, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט די קולאַקעס אויף זיין פלונית'טע און געוואָלט געבען איהר אַ גוטען חלק. נאָר צו אַלעמענס ערשטוינען איז ציפּע־גרונע (די בעל־הבית'טע) פערשוואונדען געוואָרען. זכריה איז געלאָפען איהר זוכען און האָט איהר געפונען שטעהענדיג אין אַ קראָם אַנטקעגען אין דריטען הויף.

ער איז צו איהר צוגעלאָפען מיט אַ אימפּעט און מיט אַ גיפּט.

— סטייטש, דו מכשפה, משוגע, ציי חסר דעה ביזטו? פאַר לייטען אין די אויגען! ווערסט דאָך צוטרייבען אַלע אורחים...

ציפּע־גרונע האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און קוקט אויף איהר מאַן ווי אויף אַ משוגע'נעם.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזען, אַז די גאַנצע סצענע איז געווען קעצעלע'ס שטיקעל אַרבייט. ער האָט אונטערגעהערט ביי־נאַכט די „שטילע" געשפּרעכען צווישען דעם בעל־הבית און די בעל־הבית'טע. און עס האָט איהם פּלוצלונג אָנגעשפּאַרט צו ווידערהאָלען דעם „קאָנצערט" אין מיטען העלען טאָג, פאַר אַלע אורחים אין די אויגען.

עס איז, פערשטעהט זיך, איבעריג צו זאָגען, אַז קעצעלע איז באַלד געווען מיט זיין פּעקעל אויפ'ן גאַס.

איבעריגענס איז זיין פּעקעל געווען אַ גאַנץ לייכטער, און קעצעלע האָט זיך געפיהלט אויפ'ן גאַס פיעל בעסער, ווי אין אַכסניאָ. מען קען זאָגען, אַז ער האָט זיך קיין מאָל אַזוי גוט ניט געפיהלט. אַליין אונטער דעם פרייען הימעל — קיין בעל הבית איבער איהם. דריי רובל מיט עטליכע קאָפּיקעס אין קעשענע, וואָס ער האָט אויפגעקליבען פון אורחים'ס „אַטיעזדנע" („זייגעזונד געלד"). ווער איז צו איהם דאַמאָלס געווען גלייך?

די ערשטע זאַך איז קעצעלע אַריינגעגאַנגען אין אַ שענק און האָט געמאַכט פאַר דריי קאָפּיקעס אַ כוס'ע און פאַרביסען מיט אַ קיכעל און אַ שטיקעל לעבער. דערנאָך איז ער אַוועק מיט זיין פּעקיל, ד. ה. מיט זיין העמד און שבת'דיגער קאַפּאָטקע, וואָס אַנ'אורח האָט איהם אַוועקגעשיינקט — בעטראַכטען די שטאָדט.

ער איז אויסען געווען וואו די שטאָדט האָט אַנ'עק, האָט אַרומגעקוקט אומעטום אין אַלע ווינקעלעך ווי אַ בעל הבית, וואָס קוקט אַרום זיינע בעל־הבית'ישקייט, נאָך דעם ווי ער איז אַ לאַנגע

צייט אין דער היים ניט געוועזן. אויפ'ן וועג, האט ער געפרובט צוציהען צו זיך א הינטעל, וועלכער איז איהם נאכגעלאפען און איז איהם שרעקליך געפעלען געווארען; ער האט זאגאר אויסגעגעבען א קאפיקע אויף א בייגעל און געקארמעט „מירטשיקען” (ער האט איהם שוין געגעבען א נאמען). אבער אין גיכען האבען זיך אבגעיאוועט דעם הינטעל'ס בעלי־בתים, אדער גלאט שטארקע בעלנים אויף איהם — דאס זענען געווען א פאר געזונטע שקצים, האבען אנגעבראכען קעצעלע'ן די ביינער און דעם הינטעל האבען זיי צוגענומען.

מיט א פערקלעמטע הארץ, אז איין גאט האט איהם געמאנט ענטפערן, איז קעצעלע פארקראכען, א מאטער מיט צו'חלש'טע פיס צוריק אין שטאדט. עס איז שוין געווען שפעט אין אבענד. דא האט זיך קעצעלע דערמאנט, אז מען האט גערעדט אין דער אכסניא, אז היינט איז אנגעקומען אין שטאדט דוראוו, דער בעריהמטער קונצען־מאכער, וואס קאמאנדעוועט איבער א גאנצע ראטע חזרים און א פאלק מייז. ער האט זיך געלאזען לויפען מיט די לעצטע כחות צום צירק. דארטען איז שוין געווען ליכטיג און ליארעמדיג. מוזיק האט געשפיעלט. גרויסע שילדען זענען געווען ארויסגעהאנגען מיט די סצענעס, ווי אזוי דוראוו מאכט פאקוסען מיט זיינע חזרים, הינד, קעץ און מייז.

קעצעלע האט איינגעשפארט די אויגען אין די געמאלטע לייווינטען און האט ממש געשלונגען די סמאהע קוקענדיג אויף די בילדער. דערנאך איז ער אוועק האסטיג צו דער קאסע, געקויפט א בילעט און אריין אין צירק. די „בילעטערס” האבען איהם געוואלט ארויסווארפען, נאר ער האט זיי געוויזען מיט גאוה דעם בילעט און מ'האט איהם געמוזט דורכלאזען אויפ'ן גאליארקע.

דעם ערשטען מאל אויף זיין לעבען איז קעצעלע געווען אין א צירק, אינעווייניג, מעשה פריץ, און ניט געדארפט דורכ'גנב'ענען זיך, אדער קוקען פון דרויסען דורך א שפאלט, ווי זיין שטייגער איז אימער געווען. די גאנצע צייט פון דער פארשטעלונג איז ער געווען ממש פער'שכור'ט. ער האט ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. זיין נשמה איז געשוואומען אין א ים פון פאנטאזיעס, ווילדע, מורא'דיגע, כשוף־דיגע. דא האט זיך איהם געדאכט, אז ער אליין איז דוראוו, דא האט ער זיך פארגעשטעלט, אז ער איז דאס דער חזיר'ל, אדער די מויז, וועלכע טאנצט נאכ'ן טאקט פון דער מוזיק און נאכ'ן מאך פון דוראוו'ס שטעקעלע.

ווי אַזוי ער איז געקומען אויף דער פינסטערער גאַס האָט קעצעלע ניט געוואוסט. נאָר דאַכט זיך, אַז מ'האָט איהם אַרויסגעוואָרפען מיט עטליכע קלעפּ, ווייל ער האָט געוואָלט בלייבען איננווייניג, בעת דער גאַנצער עולם איז זיך שוין צוגאַנגען. ווארום די לאַנטערנעס זענען שוין געווען איינגעלאָשען. גענעכטיגט האָט ער אָבער פאָרט אַרום צירק.

קורץ קעצעלע האָט אויסגעבראַכט זיינע עטליכע גראָשען אויפ'ן צירק און אַז ער איז געבליבען אָהן אַ קאָפּיקע געלד אין קעשענע, האָט ער געפּרובט בעטען זיך ביי די דינער, מ'זאָל איהם צונעהמען פאַר אַ משרת אין צירק, ער זאָל אַכטונג געבען אויף די הורים מיט די הינד. אָבער מ'האָט זיך פון איהם אויסגעלאַכט און אַרויסגעיאָגט איהם. קעצעלע'ן האָט דאָס ווייניג געקימערט. ער האָט בעשלאָסען פעסט ניט צו רוהען און ניט צו ראַסטען, ביז ער וועט ניט ווערען אַ צווייטער ד ו ר אָ ו ו.

און קעצעלע האָט דערגאַנגען זיינס, כאָטש אַ צווייטער דוראָוו איז ער ניט געוואָרען.

אָנגעהויבען האָט ער זיין „קאַריערע" אין די באַהנען. ער פלעגט נאָכמאַכען ווי דער לאָקאָמאָטיוו פייפט און סאָפּעט און ווי די רעדער הוישען. זיין גאַנצער קערפּער איז דאַן געוואָרען אַ צוג: דער מויל איז געווען דער פייפער מיט'ן דאַמפּף-קעסעל צוזאַמען, די הענד מיט די פיס האָבען פאָרגעשטעלט די רעדער. דערפאַר פלעגען די פּאַסאַושירען געבען צו קאָפּיקעס און אַנ'אַנדערער, אַ רייכער, פלעגט אַריינוואַרפען קעצעלען אין היטעל אַ גאַנצע גריווענע. העלפט פון זיין פרנסה פלעגט ער מוזען פאַרטרינקען און פערשפּיעלען אין קאָרטען מיט די קאָנדוקטאָרען, זיי זאָלען איהם לאָזען פאָהרען; העלפט פלעגט בלייבען ביי איהם.

אַזוי האָט קעצעלע אויפגעקליבען עטליכע רובל און איז דערנאָך אַריין אין מסחר; ער איז צוגעשטאַנען פאַר אַ שותף צו אַ קאַטערינשטשיק מיט אַ גרויסע פויק מיט גלעקלעך, און האָט מיט איהם צוזאַמען געוואַנדערעוועט איבער שטעדטלעך און דערפער. דאָס וואַנדער-לעבען איז איהם זעהר געפעלען געווען. אימער נייע דעקאָראַציעס, נייע בילדער, נייע מענשען און טאַקי אַ מטבע איז אויך איבערגעפאַלען ניט זעלטען. ניט איין מאָל האָט קעצעלע מיט זיין שותף געקריגען אַפילו פון פויערים קלעפּ, ווייל מ'פלעגט זיי הושד זיין, אַז אויסער דער קאַטערינקע האָבען זיי אויך „לאַנגע הענד". נאָר דאָס איז שוין געווען אַ בלבול. דאָס הייסט, צייטענווייז פלעגט יאָ טרעפען אַזאַ מין צופאַל, אָבער

טאקי זעהר זעלטען, ווען עס פלעגט אויסקומען ממש צו הונגערן (אזעלכע צייטען זענען, פערשטעהט זיך, אויך געוועזען). קעצעלע איז געווען אימער פרעהליך. נאר די קופערנע גלעקלעך מיט די מעשענע טאצען האבען זיך איהם ענדליך צוגעגעסען און ער האט ניט אויפגעהערט צו פאנטאזירען וועגען די קעץ מיט די הינד, נאך וועלכע זיין הארץ האט אזוי געבענקט. א צייט האט ער אפילו געשלעפט מיט זיך א הונד מיט א קאץ און האט זיי שוין אויסגעלערנט א סך פיינע שטוקעס, אבער ער האט געהאט מיט זיי פיעל צרות אויף די נאכטלאגערס און ווי איהם איז ניט שווער געווען — האט ער זיך געמוזט מיט זיי שיידען מיט א צובראכענע הארץ.

אזוי איז אוועק עטליכע יאהר און קעצעלע האט געדארפט געהן דיענען דעם קיסר.

דיענען האט קעצעלע ניט געוואלט. ניט ווייל ער איז פרינ־ציפיעל געווען א געגנער פון מיליטער־דיענסט; נאר ער האט פשוט פיינד געהאט צו געהן מיט געמאסטענע טריט, עסען קאשע און לעבען אין קאזארמעס ביי אלעמען אויף די אויגען. ער האט ליעב געהאט צו לעבען ווי דער פויגעל אין הימעל, אדער בעהאלטען, ווי דער קראט אין דער ערד. ער האט פיינד געהאט מענשען, ווייל ער האט פון זיי קיינמאל קיין פריינדליך ווארט ניט געהערט. זיין בעסטע געזעלשאפט זענען געווען קעץ און הינד און די בוימער אין וואלד. דעם וואלד האט ער ליעב געהאט ווי דאס לעבען. גאנץ אפט פלעגט ער זיך איינשפארען, אז זיין שותף זאל זיך אבשטעלען אין מיטען וואלד און שפיעלען אויפ'ן קאס־טען א קאנצערט לכבוד די בוימער.

— מען מוז פאהרען אין אמעריקא — האט קעצעלע געקלערט מיט א טרויעריג געמיט. נאר דיזער געדאנק איז איהם געווען אזוי שרעקליך ווי די קאזארמע. ווייל ער האט געוואוסט, אז אין אמעריקא מוז מען נייהען ביי דער מאשין און דאס האט ער געהאסט ווי דעם טויט. ענדליך האט איהם אימיצער געזאגט, אז דארטען אין אמעריקא געהט מען אויך מיט דעם „קאסטען“, אזוי ווי ביי אונז, און קעצעלע האט בעקומען ארויסגעצאהלט פון זיין שותף און איז אוועק אין דער נייער וועלט.

עס פערשטעהט זיך, אז ניט אזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. קעצעלע האט געהאט אויסצושטעהן, גענוג צרות, ביז ער האט דערזעהן די גאלדענע מדינה. זיין חלק קאסטען האט אנטגעטראפען 30 רובל און פאר'ן „אגענט“ האט מען געדארפט

האָבען ניט ווענינער ווי 95 ביז ניו־יאָרק. נאָכמאַכען דעם צוג ווי פריהער, אינגעלוויי, האָט שוין ניט געטויגט. פאַר א גרויסען בחור ווי ער איז געווען, האָט זיך שוין דאָס ניט געפּאַסט. דערפאַר האָט ער דערגאַנגען פון זיין שותּף אַנ'אַנדער קונץ: פייפען אונ־טער'ן צונג כמעט ווי אַ פויגעל; אַמאָל פלעגט ער נאָכמאַכען אַ הונד, אַ קאַץ, אַ ענדיק, אָדער זיין אַמאָליגע בעל הבית'טע. פוי־ערן, אָדער די קליין־שטעדטילדיגע מיידלעך זענען די שטוקעס שטאַרק געפעלען געווען.

אַזוי האָט ער ווי עס איז צונויפגעשטוקעוועט אַ שיפקאַרטע און האָט זיך געלאָזען אויפ'ן ים. אויפ'ן שיף גופא האָט ער אויך געמאַכט דעם עולם פרעהלעך און האָט אויפגעזשעבריוועט אַ פּאָר טאָלער.

דערפאַר האָט קעצעלע געהאַט אויסצושטעהן גרויסע צרות, אַז ער איז שוין זוכה געווען צו קומען אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך חדשים לאַנג געבראָכען, געוואַלגערט און געהונגערט און די מאַשין האָט ער פאָרט ניט געקענט אויסמיידען. עס פערשטעהט זיך, אַז אויף שונאים געזאָגט געוואָרען וואָס פאַר אַנ'אַפּעריטאָר קעצעלע איז געווען. ער האָט בעקומען אַלע ווילע אַרויסגעוואָרפען, האָט געוואַנדרעוועט פון איין שאַפּ אין דעם אַנדערן, אין ערגען קיין תקומה ניט געהאַט. אַזוי האָט געדויערט אַ פּאָר יאָהר. דערנאָך האָט ער געפרופט אומפאָהרען מיט אַ וועגעל עפּעל און באַנאַנעס, נאָר דאָס האָט ער אויך ניט געקענט טראָגען.

קעצעלע איז געווען אין פערצווייפלונג און האָט שוין גע־וואָלט פאָהרען צוריק נאָך רוסלאַנד דינען דעם קיסר — אַלץ בעסער ווי אין דער „פערפלוכטער אַמעריקע“. האָט זיך אידם אין מיטען דערינען געמאַכט אַ „פערדריינעס“. קעצעלע האָט חתונה געהאַט. ער האָט געקראָגען, אָדער — בעסער געזאָגט — אידם האָט געקראָגען אַ געלע, אַ מיאוסע מויד און האָט מיט אידם חופּה גע־שטעלט. דאָס איז געווען פאַר קעצעלען אַ גליק. וויל אין דער היים וואָלט אויף אַזאַ סחורה ווי קעצעלע — קיין אידישע מיידעל, אפילו די סאַמע „נעשטשאַסטנע“ דינסט־מיידעל, זיך ניט געקוואַפּעט. קעצעלע האָט דאָס געוואוסט און איז געווען צופרידען.

עס פערשטעהט זיך, אַז די יונגע ווייבעל האָט ניט געוואוסט פון קעצעלע'ס פערגאַנגענהייט.

אַז קעצעלע האָט חתונה געהאַט, האָט זיך ביי אידם אָבגע־רופען אויף דאָס ניי די אַלטע קרענק. ער פלעגט לאָזען דער ווייב שטעהן ביים וועגעל און אַליין פלעגט ער ניט ווערען אויף גאַנצע

טעג. ניט איין מאָל פֿלעגט ער דאַרפֿען נעכטיגען אויפ'ן גאַס; ניט איין מאָל האָט מען זיך געשלאָגען. נאָר קעצעלען האָט גאָרנישט געהאָלפֿען. ענדליך, נאָך אַ גרויסען געשלעג, האָט קעצעלע פֿער־קויפֿט דעם וועגעל און איז ווייטער ניט געוואָרען. אין עטליכע טעג אַרום, שפּעט אין אָבענד, איז ער געקומען אַהיים, אין זיין פֿינסטערן קעלער. אויפ'ן רוקען האָט ער געשלעפּט אַ גרויסען „קאַסטען“. אויפ'ן קאַסטען איז געווען אַ שמאָלע און לאַנגע קעסטעל, פֿול אָנ־געשטאָפּט מיט רויטע, בלויע און ווייסע צעטעלעך און אויבען זענען אומגעלאָפֿען צוויי ווייסע מייז.

קעצעלע'ס ווייב האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר צושראָקענע אויגען און האָט געקוקט אַ נשתומם'דיגע אויף קעצעלען מיט זיין גאַנ־צען טאַראַראַם.

אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי די ערשטע זאַך געהאַפּט דעם בעזים און האָט געוואָלט אַראָבלאָזען אַ „בענטשו“, אַ פּריהער די מייז, דערנאָך קעצעלען. אָבער ער האָט איהר אָנגעהאַפּט ביי דעם גאָרגעל און האָט געגעבען אַ ווילדען געשריי: „השששש... דו נבלה, באַלד מאַך איך דיר אַ מיתה משונה אויפ'ן אָרט“.

מיט איין האַנד האָט ער איהר צוגעהאַלטען און מיט דער אַנ־דערער איז ער אַריינגעקראָכען אין קעשענע און אַרויסגענומען פֿון דאָרטען אַ הויפֿען פּעניס*) און האָט איהר אַוואָרף געטון אויפ'ן טיש.

— נאַ, נבלה, ווערג זיך און שווייג. אַז ניט, אַנטלויף איך וואו מיינע אויגען וועלען מיך טראָגען, און לאָז דיך אַנ'אייביגע עגונה.

פֿון דאַמאָלס אָן איז צווישען קעצעלען און זיין ווייב געוואָרען שלום. און אַז איהר וועט געהן אין ניו־יאָרק, זעקס אַ זייגער אין אָווענד, פֿון דער אַרבייט און בעמערקען אויף קאַנעל, צי אויף לודלאָוו, צי אויף הויסטאָן־סטריט, אַ הדרת'דיגען אידעל, מיט אַ „קאַסטען“ און מיט מזל־צעטעלעך און מיט צוויי ווייסע מייז, און ער פּייפֿט אונטער'ן צונג — זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז ער, דאָס איז קעצעלע...

---

*) פּעני = אַ סענט = 2 קאָפּיקעס.

„בולקע".

(א בעגעגניש).

מיין חבר פֿון די פֿריהסטע קינדער־יאָהרען איז ער געווען; „בולקע" האָט אונזער חברה איהם גערופֿען, ווייל, ערשטענס, האָט יעדער יונגעל גלאט געדאַרפֿט האָבען אַ צו־נאָמען, דאָס איז געווען אַ מין קינדערשער פֿאַספֿאָרט אויף אַריינצוטרעטען אין „חברה"; צווייטענס, איז זיין קאָפּ, זיין גאַנצעס געזיכט געווען עפּעס קיילעכדיג, רויטליך, טאַקי ווי אַ בולקע. פֿון אַלע מיינע קינדער־חברים פֿון די חדר־יאָהרען, געדענק איך „בולקע'ן" מעהר. פֿאַרוואָס, אייגענטליך, איז מיר שווער צו זאָגען. ער האָט זיך כמעט מיט גאָרנישט אויסגעצייכענט. אַ קאָפּ האָט ער געהאַט אַ פּראָסטען, האָטש ער איז געווען אויסגעקנאָטען פֿון מלמדים. זיין טאַטע, זיין זיידע, זיין ברודער זענען אַלע געווען מלמדים. פֿערהערען זיך מיט איהם אין חומש, רש"י אָדער מפֿטיר, פֿלעגען מיר קיינמאָל ניט, ווייל ער איז ניט געלעגען אין אַזוינע סאָרטען זאַכען. זיין גאַנצע הויות איז געווען —שלאָגען זיך. און מלחמה פֿלעגט ער פֿיהרען ניט ווי אַלע יונגלעך, מיט די הענד און מיט די פֿיס, נאָר מיט'ן בויך. דערצו האָט ער געהאַט נאָך אַ געווער: ער פֿלעגט „היקען". ער פֿלעגט אָנפֿאַלען פּלוצלונג, דאַסטיג, און ניט מיט די הענד, נאָר מיט'ן בויך פֿלעגט ער אַנידערלעגען זיין געגנער, וועלכער איז אָפֿט געווען שטאַרקער פֿון איהם. אַז ער פֿלעגט אַנידערלעגען זיין „פֿיינד" אין מלחמה, פֿלעגט ער זיך אויף איהם אַרויפֿלעגען מיט'ן בויך און „היקען" און טריאומפֿירען אויף אַזאַ אַרט זיין זיעג. און זיין בויך איז געווען עפּעס אַ מאָדנער, אַ שווערער, מען פֿלעגט שיער דערשטיקט ווערען אונטער איהם. נאָר מיט אַ מעשׂענעם קנאָפּ פֿלעגט מען זיך קאָנען אויסקויפֿען פֿון זיין בויך.

דעריבער פֿלעגט „בולקע" גאַנץ אָפֿט פֿיהרען די קאָמאַנדע ביי חברה; ער פֿלעגט רעגירען ניט מיט'ן קאָפּ, נאָר מיט'ן בויך.

אויסער זיין געוועהנליכען צו־נאָמען האָט „בולקע" געהאַט

נאָך צוויי: „בולאַץ" און „בולעצקע". „בולאַץ" פֿלעגען מיר איהם רופֿען זייענדיג אין כעס, און „בולעצקע" — אין גוטע־פֿריינדשאַפֿט. דעם צו־נאָמען „בולאַץ" האָט ער פֿיינד געהאַט ווי דעם טויט, און ווער עס האָט איהם אַזוי אָנגערופֿען, האָט שוין געמוזט פֿיהלען זיין בויך. דערפֿאַר אָבער האָט ער „בולעצקע" זעהר ליעב געהאַט, און גאַנץ אָפֿט פֿלעגט מען נצול ווערען פֿון זיין בויך גאָר אַפֿילו אָהן אַ „קנאָפּ", נאָר בלויז מיט דער בקשה: זעה, בולעצקע, אַ געזונד אין דיין בייכעלע, לאָז אָב...

„בולקע" איז געווען בטבע אַנ׳אונגעלומפּערטער, אַ „דראַפּון", אַ פֿערעסענער, אָבער אַ ווייך וואָרט האָט אויף איהם אימער געווירקט. אָהן חבֿרה האָט ער ניט געקאָנט אויסקומען אַ מינוט, האָטש ער פֿלעגט כמעט אימער נאָר טהון און שלאָגען זיך. חבֿרה ווידער איז אַזוי געוועהנט געוואָרען צו זיין אָנגעלאָף, הוקענעש און שטופּענעש מיט׳ן בויך, אַז אָהן איהם איז מען עפּעס אומגעגאַנגען ווי בלודנע שעפּסען.

און אַ מערקווירדיגע זאַך: איך בין עפּעס צו איהם געווען מעהר צוגעבונדען ווי אַלע, און טאַקי נאָר דערפֿאַר, וואָס מיט מיר פֿלעגט ער זיך שלאָגען מעהר ווי מיט אַלעמען. דער קאַמף איז געווען פֿאַר דער „מלוכה": איך האָב געוואָלט זיין „קיסר" און ער האָט געוואָלט זיין „קיסר". דאָס רוב פֿלעגט ווערען צווישען אונז אַ פּשרה: אַ מאָל איז ער געווען „קיסר" און איך „שני למלך", און דאָס אַנדערע מאָל, פֿערקעהרט — איך „קיסר" און ער „שני למלך". ער פֿלעגט זיין דער פֿיהרער אין קריעג, און איך, דאָס רוב, אין פֿריעדליכען לעבען, ווי צום ביישפּיעל, אויפ׳ן גליטש. גליטשען זיך מיט אַלערליי שטוקעס בין איך געווען מעהר בריה פֿון איהם, אָבער ער איז אויך געווען אַ מייסטער אונטערצופֿאָהרען אויפ׳ן בויך. קורץ דער בויך האָט איהם געדיענט אומעטום.

יאָהרען זענען אַוועק. איך בין אַרויס פֿון די חדר־יאָהרען און אינזערע וועגען האָבען זיך אינגאַנצען צוטיילט. אַלע מיינע חדר־חבֿרים האָב איך אינגאַנצען פֿערגעסען און בולקען אויך אַרויסגעלאָזען פֿון אויג. און נאָר שפּעטער, אַז איך בין אַריין אין חדר פֿון לעבען און געמוזט דורכמאַכען מיט אַלע מיינע ברידער אין שוועסטער דעם שווערען לעבענס־קאַמף, פֿלעגט זיך מיר אַמאָל, געהענדיג אין יענער גאַס, פֿערביי יענעם הויף, וואו איך האָב פֿערבראַכט די אונשולדיגע קינדער־יאָהרען, דערמאָנען דער אָדער יענער פֿון מיינע חבֿרים, און מעהר פֿון אַלעמען פֿלעגט זיך מיר וועלען זעהן בולקען, וויסען: וואו איז ער? וואָס איז מיט איהם גע־

ווארען? צי איז ער נאך אזא היקעדיגער, ליארעמדיגער, קיילעכדיגער און בייכיגער, ווי אמאל? אבער יאהרען־לאנג האב איך איהם ניט בעגעגענט.

און ערשט מיט א יאהר זיבען, אכט צוריק האב איך איהם דערזעהן, בולקען, אין דערזעלבער שטאדט, אין דערזעלבער גאס, וואו מיר זענען ביידע געבארען געווארען, צוזאמען געשלאגען זיך און צוזאמען געשפיעלט. איך האב דערזעהן בולקען און — עס איז מיר אומעטיג געווארען אויפ'ן הארצען; מיר זענען שוין נישט געווען די זעלבע חברים, ווי אמאל. צווישען אונז איז אויסגעוואקסען פאר די יאהרען עפעס ווי א וואנד. מיר זענען ביידע געווען די זעלבע פראלעטאריער, אבער איך בין געגאנגען אין א קאפעלוש און ער אין א פערסמארעטע היטעל; איך בין געגאנגען מיט א ביכעל, און ער מיט א זעג... קורץ, איך בין געווען א אינטעליגענט און ער אנ'ארבייטער. זיין פנים איז נאך געווען אזוי קיילעכדיג און רויט ווי פריהער, אבער די באקען שטארק איינגעפאלען, די לעבעדיגקייט פון די אויגען אויסגעלאשען, די האר צופלאנטערט און די קליידער אבגעריבען און ערטערווייז אבגעריסען. עס האט אויסגעזעהן, אז די שטרעבונגען פון דער נייער צייט זענען געגאנגען פערביי איהם און האבען איהם גאר ניט בעריהרט. ער איז געבליבען שטעקען אין דער נידעריגסטער, דערשלאגענער מאסע, וואס טראגט דעם שווערען יאך פון דער טעגליכער נויט, ארבייט ווי דער אקס אין דער סאכע און ווייס ניט און שטרעבט ניט צו וויסען פון נייע האפנונגען, אויף א נייעם לעבען.

בולקע האט מיך ניט דערקענט, אדער עס האט זיך מיר אזוי געדאכט. ער האט אוועקגעטופעט פערביי מיר מיט שווערע, פוילע טריט און עטוואס געבויגענע פלייצעס, אויף וועלכע ער האט א היבש ביסעל ברעטער איבערגעטראגען. איך האב איהם געוואלט נאכלויפען, אבשטעלען, רעדען מיט איהם, אבער איך בין אויך עפעס אבהענדיג געווארען און נאר שטארק נאכגעקוקט איהם פון הינטען, ווי ער איז ביסלעכווייז פערשוואונדען פון מיינע אויגען. מיר האט דערנאך שטארק פערדראסען, וואס איך האב איהם דאך ניט אבגעשטעלט, נישט פאנאנדערגעפרעגט: ווי איז איהם געגאנגען די גאנצע צייט, זינט מיר האבען זיך געשיידט איינער פונ'ם אנדערען, און ביידע פון יענע קינדער־יאהרען. אבער בין איך דען געווען שולדיג? וואס האב איך איהם געקאנט זאגען? אדער וואס האט ער מיר געקאנט זאגען מעהר, ווי מיר האט דערצעהלט זיין זעג, זיין דערשלאגענעם אויסזעהן און אויסגעלאשענער בליק?

נאָכדעם האָב איך בולקען בעגעגענט נאָך עטליכע מאָל און אימער פלעגען מיר גיהן פערביי איינער דעם אַנדערען, אַזוי ווי פרעמדע, ווי מיר וואָלטען איינער דעם אַנדערען קיינמאָל ניט געקענט. מען האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט אַ פרוי מיט אַ פּאָר קינדערלעך און מאַכט, ווי הונדערטער און טויזענדער אַנדערע אַרבייטער פון זיין שטייגער — זעהר אַ שווער לעבען.

עס זענען ווידער אַוועק יאָהרען. און ווידער האָבען מיר זיך בעגעגענט, בעגעגענט אין דער נייער וועלט, אין דעם קאָכקעסעל פון ניו־יאָרק. איך בין אַריין אין אַ שפּייז־קראָם צו מיינעם אַ לאַנדסמאַן. איך זעה: אָן אַ זייט שטעהט עפּעס אַ מאַן און רעדט מיט מיין לאַנדסמאַנ׳ס פרוי. דער מאַן קוקט אויף מיר און איך קוק אויף איהם... עפּעס בעקאַנט...

— וואָס מאַכסט... מאַכט איהר... גיט ער זיך פּלוצלונג אַ לאָז צו מיר און רוקט מיר אַריין אַ דאַרע האַנד מיט אַ ברייטען שלום עליכם.

— וואָס מאַכסט... מאַכט איהר... ענטפער איך איהם און דערקען טאַקי באַלד — בולקען. אויף זיין געזיכט איז געלעגען אַזאַ רחמנות׳דיגער טעמפּער שמייכעל. די וואַנד צווישען אונז איז דאָ, אין דעם פרעמדען לאַנד, אַראָבגעפאַלען. ער איז געווען אַזוי גערן צו טרעפען מיך דאָ אין דעם ווייטען, פרעמדען לאַנד. איך בין אויך געווען עפּעס אַזוי גערן צו זעהן איהם, צו רעדען מיט איהם, מיט מיין אַלטען חבר פון די קינדער־יאָהרען. זיין געשיכטע איז געווען אַ קורצע: אַ ברודער האָט איהם אַראָבגעבראַכט אַהער, דאָ איז ער געוואָרען אַנ׳אָפּערייטאָר, דאָס הייסט, אַ שטעפּער אויפ׳ן מאַשין. די סטאָליאַרסקע אַרבייט איז שוין געווען פאַר איהם צו שווער, זי האָט איהם איינגעבראָכען. אָפּערייטאָריי האָט איהם אָבער אויך געשאַדט, איז ער געוואָרען אַ פּעדלער, דערנאָך געדונגען אַ קרעמיל, איבערגעטהון נאָך פערשידענע זאַכען. און, פון אַלע זאַכען איז ער אויף גרויסע צרות, אַז ער וואָלט האָבען אויף הוצאות און דערצו האָטש אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר — וואָלט ער געוואָרפען „די אַמעריקע“ און געפאָהרען צוריק אַהיים — האָט ער מיר געזאָגט.

ער האָט מיר געגעבען זיין אַדרעס און געבעטען אַריינקומען צו איהם אַהיים. איך האָב איהם צוגעזאָגט.

איך בין נאָך ביי איהם ניט געווען, און, דעם אמת זאָגענדיג, איז מיר זעהר שווער צו האַלטען וואָרט. איך ווייס, אַז ער וויל אין מיר זעהן ניט דאָס, וואָס איך בין, נאָר דאָס, וואָס איך

בין געוועזן, דעם אמאליגען קינדער-חבר, וואס האט זיך מיט איהם געשלאגען און געשפּילט; און דאס גלייכען איך אין איהם וויל זעהן דעם אמאליגען הוקעדיגען, אומגעלומפּערטען, אבער לוסטיגען „בולקען", „בולעצקען". מיר זענען שוין אבער ביידע ניט דאס.

צייטענווייז דוכט זיך מיר, אז די וואנד, וואס האט מיך אבגעטיילט פון בולקען איז אינגאנצען געווען א חלום, א מרה-שחורה'דיגער חלום... עס דוכט זיך מיר, אז דער גאנצער פּעקיל יאהרען מיט צרות, וואס מיר האבען ביידע געשלעפּט אויף די פּלייצעס — יעדער אין זיין פאך, וועט דאס אלץ אראב און מיר וועלען ווערען איבעראנייס קינדער, ווי מיר זענען געווען אמאל. און בשעת איך דענק אזוי — ציהט מיך צו איהם און עס ווילט זיך ארויספאלען איהם אויפ'ן האלז און וויינען, און לאכען, און זאגען צו איהם: קום, לאמיר אראבווארפען די גאנצע לאסט פון די פּלייצעס, צוברעכען די „וואנד" און ווערען איבער א נייס קינדער, און שטיפען, און שפּיעלען צוזאמען... מיר וועלען... איך וועל זיך מעהר ניט שלאגען פאר דער „מלוכה"... נא דיר אינגאנצען, זיי דו קיסר, אבי עס זאל זיין ווי פריהער, אזוי אונשולדיג, הוקעדיג און זודיג... א, מיין ליעבער חבר, מיין טייערער „בולעצקע"...

יעהאר דער מרחץ-גוי אין אמעריקא.

(אנ׳ערצעהלונג).

איך לויף אזוי, ווי מען לויפט א שטייגער אין אמעריקא, — דאס איז געווען אנ׳ערך אבענד-צייט. שטויס איך מיך אזוי אן לויפענדיג א געזיכט צו א געזיכט מיט....

נאר ווער דאס איז געווען, האב איך זיך גלייך ניט געהאפט. בעקאנט איז מיר אבער גוועז דאס פנים מוראדיג. דאכט זיך א היימישער גוי... איך וואלט שווערען, אז פון אונזער שטאדט, אז איך האב איהם ערגעץ-וואו געזעהן אין דער היים.

ער האט זיך אבגעשטעלט און קוקט אויף מיך. איך האב זיך אבגעשטעלט און קוק אויף איהם.

און פלוצלונג האט אונז ביידען א בלישטשע געטהאן אין קאפ:

— יעהאר ?!

— בארין !

בקיצור: מיר האבען איינער דעם אנדערען דערקענט. דאס איז געווען יעהאר דער מרחץ-גוי פון דער היימישער קהל׳שער באד, מיט וועלכען איך האב זיך כמעט אלע פרייטאג געזעהען.

איך זאג אייך: איך בין נשתומם געווארען פון דער דאזיגער בעגעגעניש.

— יעהאר ! ברודערל מיינער, טייערער, ווי קומסטו אהער ?!

האב איך זיך שיער ניט ארויסגעווארפען איהם אויפ׳ן האלז. — דיך האט מען דאך ניט געיאגט, ניט געשטיקט ? דיר איז דאך דיין וויגעלע קיין שטיף-מוטער ניט געוועזן...

די לעצטע ווערטער האב איך אייגענטליך געוואלט זאגען, און האב ניט געזאגט. ווייל די קשיא איז ביי מיר געווען א קשיא

בלויז אויף איין מינוט. אין אמת'ן איז זי ביי מיר לאַנג פֿערענטפֿערט, וואָרום איך ווייס דאָך, אַז יעהאָר איז ניט דער ערשטער, וואָס לויפֿט אין אַמעריקאַ פֿון דער „אמת'ער" היים.

יעהאָר איז געווען אַ פּעקעל־היטער ביי אונז אין דער קהל־שער באָר, אַ מרחץ־גוי. ווי געזאָגט, פֿלעג איך כמעט אַלע פֿרייטאָג זעהן זיך מיט איהם, איך פֿלעג ליעב האָבען מיט איהם צו פֿערברענגען. ער איז געווען אַליין פֿון דאָרף. נאָר דאָס איז געווען שוין לאַנג. אַ אונטער־פּאַסטוך איז ער געווען. דערנאָך איז ער, ווי טויזענד אַנדערע פּויערן, אַרויסגעשליידערט געוואָרען פֿון דאָרף און מגולגל געוואָרען אין אַ פּעקעל־היטער אין דער קהל־שער באָר. יעהאָר האָט זיין גאַנצען לעבען אין דאָרף ליעב געהאַט צו רעדען מיט די קיה און, ליגענדיג אין וואַלד מיט'ן בויך אַרויף, פֿלעגט ער פֿלעכטען לאַפּטשעס און קוקען אויף דעם הימעל. אַרבייטען אין שטאָדט טאָג־אַרבייט איז איהם געווען שווער. היטען די פּעקלעך אין מרחץ איז געווען מעהר ענליך צו זיין דאָרפֿישען פּאַסטוך־לעבען. פֿלייכט פֿלעגט ער זיך פֿאָרשטעלען, אַז די פּעקלעך זענען דאָס די שעפּסעלעך מיט די קיה, וואָס ער פֿלעגט פּאַשען אַז ער איז נאָך אימער דער פּאַסטוך. איבעריגעס האָט ער זיך שוין לאַנג פֿערגעסען אויפֿ'ן דאָרף. נאָר צו דעם שטאָדטישען לעבען האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט צוגעפּאַסט. די איינציגע זאַך, וואָס ער האָט געגאַשט פֿון דער שטאָדטישער ציוויליזאַציע, איז געווען דאָס קאָרטען־שפּיעל, און פֿון אַלע שפּיעלען האָט ער נאָר געוואוסט דאָס שפּיעל אין „וועגלאַך". געשפּיעלט האָט ער מיט'ן „פּאַרשטשיק" און מיט'ן נעגעל־שניידער — צוויי שטאָדטישע גוים, וואָס האָבען איהם אויסגעלערנט די תורה. ער האָט געשפּיעלט אָהן געלד, נאָר מיט אַ מאָדנע התלהבות. און בשעת איהם פֿלעגט אויסקומען שלעפּען דעם וועגעל, האָט ער אָנגעהויבען שוויצען, געוואָרען רויט און בעקומען עפּעס אַ מאָדנע נאַרישע צורה. ער פֿלעגט פּלומרי'שט לאַכען, נאָר דאָס האָט איהם שרעקליך פֿערדראָסען. דערפֿאַר, אַז זיין חבר פֿלעגט אויסקומען צו שלעפּען דעם וועגעל, איז ער געווען מלא שמחה און האָט דעריבער געזאָגט וויצען.

אויסער די קאָרטען האָט ער נאָך געהאַט צוויי ליידענשאַפֿטען. נאָר דאָס זענען געווען איבערבלייבעכטען פֿון דאָרף, פֿון זיין ליעבע צו דער נאַטור. אַ הונד האָט ער געהאַט און אַ פֿויגעלע. דאָס פֿייגעלע פֿלעגט הענגען אין אַ שטייגעל אין מרחץ, אין פּאָרעשטוב, וואו מען טוהט אויס די זאַכען. דער הונד פֿלעגט,

דאָס רוב, ליגען פֿון דרויסען געבען טהיר, און צייטענווייז אַריינגנבֿ'ענען זיך, שטעלען זיך אויף איהם מיט די לאַפּעס און קוקען איהם אין די אויגען און רייבען זיך אָן זיינע פֿיס.

אין שטאָדט האָט ער זיך געריבען צווישען יודען. ער האָט געקענט גוט רעדען יודיש און האָט געוואוסט אַלע יודישע מנהגים. אין באָד איז ער אָנגעקומען דורך אַ רעקאָמענדאַציע פֿון דעם יודישען קרעטשמער. ער איז אַזוי צוגעוואַקסען געוואָרען צו זיין בענקעל אין מרחץ, אַז עס איז שווער געווען זיך פֿאָרצושטעלען יעהאָר'ן אָהן דעם מרחץ און דעם מרחץ אָהן יעהאָר'ן.

און פּלוצלונג דאַרף זיך מאַכען, אַז די באָד האָט אָבגעברענט. די פֿיהרער פֿון הקדש, צו וועלכע די באָד האָט בעלאַנגט, האָבען אויסגעבויט אַ נייע, מיט בעסערע אָרדנונגען און האָבען בעשלאָסען צו פֿיהרען די באָד אויפ'ן אייגענעם רעכנונג און ניט אַרויסלאָזען זי מעהר דעם אַרענדאַר.

דער אַרענדאַר, דאָס הייסט דער יוד, וואָס האָט געהאַלטען די באָד אין אַרענדע צעהנדליגע יאָהרען, איז עפּעס געבליבען, ווי מען זאָגט, אָהן אַ וויערס. ער איז אויך צונויפגעוואַקסען געוואָרען מיט דער באָד און צו וואָס ער האָט זיך ניט גענומען, איז ניט געגאַנגען. אַ פּאָר קינדער האָט ער געהאַט, וואָס זענען אַוועק אין אַמעריקאַ און האָבען זיך דאָרט פֿיין אַרויסגעאַרבייט. האָט מען געשיקט דער פֿאַמיליע שיפֿס-קאַרטען און געלד און מען האָט זיי געבראַכט.

דאָ האָט זיך דער אַרענדאַר לאַנג געשלאָגען, געוואָרפֿען זיך אַהין, אַהער, געמאַכט פֿערשיעדענע געשעפֿטען, געפּטר'ט די קינדערשע עטליכע דאָלאַר און סוף כל סוף זיך גענומען צום זעלבען געשעפֿט, וואָס אין דער היים. זיין לאַנדסלייט-פֿעראיין האָט געבויט אַ נייע שול, האָט ער געדונגען ביי זיי דעם קעלער, איינגעריכטעט דאָרט וואַנעס און אַ „מקוה כשרה“ פֿאַר יודישע טעכטער און געמאַכט זיך אַ לעבען.

דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אָן יעהאָר'ן. יעהאָר האָט זיך אַ צייט, זינט די אַלטע קהל'שע באָד האָט אָבגעברענט, געבלוקאַיעט ווי אַ בלודנע שעפּס. פֿון אַ מרחץ-גוי איז ער געוואָרען אַ שבת-גוי. פֿון די המוציא'ס חלה און פֿון די קאָפּיקעס, וואָס ער פֿלעגט אָנקלייבען פֿאַר'ן שבת'דיגען טאָג פֿאַר אַראָבנעהמען די לייכטער, איינהייצען די הרובקעס, אָדער פֿאָלגען עפּעס אַ גאַנג — האָט ער געהאַט וואָס צו עסען אַ האַלבע וואָך. די אַנדערע האַלבע וואָך פֿלעגט ער זיך רייבען ביים אַרענדאַר אין שטוב,

פֿלעגט טראָגען די פּאַמאַניצעס, אָנהאַקען האָלץ, שפּענדלעך, און טהון פֿערשידענע אַרבייט. דערפֿאַר פֿלעגט מען איהם אונטער־רוקען אַ שטיקעל אַלט־געבאַקענעס ברויט, אָדער אַ שימעל געקעכץ, וואָס פֿלעגט בלייבען פֿון דער געזינד.

אָט אַזוי האָט יעהאָר ווי עס איז געלעבט, געלעבט מיט דער האָפֿנונג, אַז עס וועלען נאָך קומען בעסערע צייטען: זיין בעל־הבית וועט ווידער נעהמען אַ באָד אין אַרענדע און ער וועט איבער אַ ניים ווערען אַ מרחץ־גוי.

נאָר דער דאָזיגער פֿאַנטאַזיע איז ניט בעשערט געווען צו ווערען אַ ווירקליכקייט אַזוי גיך. דער אַרענדאַר איז אַוועקגעפֿאָהרען קיין אַמעריקאַ מיט זיין הויזגעזינד. יעהאָר, האָט, פֿערשטעהט זיך, געהאָלפֿען פּאַקען די זאַכען און שלעפּען זיי אין וואָגאָן. אַז עס איז געקומען די צייט פֿון געזעגענען זיך, און אַלע גוטע פֿריינד און בעקאַנטע האָבען זיך צוקושט, האָט די אַרענדאַריכע צוגערופֿען יעהאָר'ן, געגעבען איהם „אַטיעדנע" אַ רובל און אַלע האָבען זיך מיט איהם געזעגענט פֿאַר די הענד. די קליינע קינדער זענען איהם אַרויפֿגעפֿאַלען אויפֿ'ן האַלז און האָבען זיך שטאַרק צעוויינט. יעהאָר האָט געווישט מיט'ן אַרבעל די טרעהרען פֿון זיינע אויגען און גע'טענה'ט: „נאַ קאָהאָ וי מעניאַ בידנאָהאָ פּאַקידאַיעטע?..."*) ער האָט געקושט די הענד דעם „פּאַן", דער „פּאַני", די „פּאַניטשען" און די „פּאַנענקעס" און געוואונשען יעדערען: „פּאַיעזשאַיטע זדאָראָווענקאַ! דאַי וואַם באָג נאַילעפּשאַהאָ שטשאַסטיאַ!"**).

די אַרענדאַריכע איז געווען זעהר גערירט פֿון יעהאָר'ס טרעהרען. זי האָט איהם געטרייסט, אַז „דער איבערשטער וועט געבען" און זיי וועלען דאָרטען אין אַמעריקאַ אויך נעהמען אַ מרחץ אין אַרענדע, וועלען זיי איהם, יעהאָר'ן, שיקען אַ שיפֿס־קאַרטע, ער זאָל אויך קומען אין אַמעריקאַ.

אין יעדען בריעף, וואָס דעם אַרענדאַרס ווייב האָט געשריבען צו איהר שוועסטער אַהיים, פֿלעגט זי לאָזען גריסען יעהאָר'ן. און די שוועסטער ווידער פֿלעגט אין יעדען בריעף שרייבען, אַז יעהאָר איז ביי זיי געווען און לאָזט זיי גריסען גאָר הערצליך, און פֿרעגט זיך נאָך: ווען וועלען זיי איהם נעהמען „דאָ אַמעריצי".

---

*) אויף וועמען לאָזט איהר מיך, אָרימען, איבער?
**) פֿאָהרט געזונט, גיב אייך גאָט דעם בעסטען גליק.

און אז „דער אויבערשטער האט געהאלפען" דעם ארענדאר און דער ארענדאריכע און זיי האבען גענומען אין ארענדע דעם קעלער אונטער דער נייער שוהל פון זייער לאנדסלייט=פעראיין, האבען זיי געהאלטען ווארט. האבען געשיקט יעהאר'ן א שיפס=קארטע מיט 25 רובל און ער איז געקומען אין אמעריקא.

די זעלבע סצענע, וואס האט זיך אבגעשפיעלט ביים זעגענען זיך, האט זיך ווידערהאלט ביים זעהן זיך ווידער. יעהאר איז געוועזען מאדנע איבערראשט, וואס דא אין „אמעריצע" איז אזוי פיעל יודען. „אושא נאשי"*), האט ער געזאגט. נאך מעהר האט ער זיך געוואונדערט, וואס א העלפט פון די מרחץ= און מקוה=לייט זענען אלע בעקאנטע: בערקא, מארדוך, שעפסעל, לייבא... און שעפסעליכא... „אושא, אושא זנאיאמיע!" א באושינקא טי מאי!.."

אט דאס האט מיר אלץ יעהאר דערצעהלט, בשעת מיר האבען זיך בעגעגענט. ער האט מיר געוויזען וואו זיין מרחץ איז, און פון דאמאלט אן זעהען מיר זיך ווידער אלע פרייטאג, אזוי ווי אין דער היים. יעהאר איז צופריעדען פון אמעריקא און פערגעסט זיך ביסלעכווייז אן דער היים. ער איז נאר ניט צופריעדען, וואס דא זעהט מען ניט קיין בוים, קיין גראז און דערהויפט קיין בהמות, קיין חזירים, קיין ציגען, אזוי ווי אין דער היים. „נא אוסו אמעריצו—קלאגט ער זיך—אדושין קאזיאל". דאס הייסט, אויף גאנץ אמעריקא איז מעהר ניטא ווי איין באק, און מיינט דערמיט דעם באק, וואס שטעהט תמיד נעבען שענק אויפ'ן ראג מעדיסאן און פייק=סטריט.

איך האב געמיינט, אז יעהאר האט גאר אינגאנצען פערגעסען זיין דארף, ערשט דעם לעצטען פרייטאג האב איך זיך איבערצייגט, אז נישט. איך קום צו איהם צו געהן, ווייזט ער מיר מיט דעם פינגער מיט גרויס שמחה אויף דעם באלקען. דארט איז געהאנגען א פויגעלע און האט אזוי ווי מיט א בענקעניש געטשיריקעט. אין מיטען האט זיך געעפענט די טהיר און עס איז אריינגעלאפען מיט א פרעהליכען קוויטש א גרויסער הונד, א לאכמאטער, אזוי ווי די, וואס מען זעהט אין דארף. ער איז אונטערגעלאפען צו יעהאר'ן, דערנאך צו מיר און האט זיך געריבען ארום אונזערע

---

*) אלץ אונזערע.

פּיִס, אַרויסשטעקענדיג די צונג, און קווענקלענדיג מיט די אויגען פון גרויס צופרידענהייט.

— „פּאַשאָל, פּאַשאָל, מילקאַ!" — האָט זיך יעהאָר כּלומרשט אויף איהם צוביזערט. נאָר עס איז קענטיג געווען, אַז דער צאָרן איז אַ געמאַכטער.

— „טשאַפּעריקאַ אושאָ יאַק דאָמאַ"*), האָט ער זיך צו מיר געווענדעט, און זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט מיט אַ שטראַהל פון קינדערשע פריידע.

*) איצטער איז אַ'ן ווי אין דערהיים.

דער גרינער יענקי.

(א מעשה'לע).

זיין טאטען האט מען גערופען אבראשקע. אינ'ם ווארט „אבראשקע" ליגט עפעס אזוינס, וואס שילדערט זיין גאנצען כאראקטער און ראלע אין שטעדטיל. נאר אבראשקע איז געווען אייגענטליך זיין אמת'ער נאמען, פערצויגען פון אברהם'על. פערצויגען האט מען נאך זיין נאמען פון קינדווייז אן. ווער עס האט איהם פערצויגען, געדענקט מען נישט, נאר קיינער אין שטעדטיל האט איהם מיט קיין אנדערן נאמען נישט גערופען. אויסער זיין אמת'ן נאמען, האט ער געהאט נאך צוויי צונעמענישען: „ממזר" — אין הדר, און „שיבעלניק" — אין דער היים. דאס איז געווען יונגעלוויי. בהור'וויי האט מען איהם מכבד געווען מיט נאך צוויי צונעמענישען: „כל=בו'ניק" — אין שטעדטיל, און „טרייפניאק" — אין דער היים. אבראשקע האט די נעמען צוגענומען גלייכגילטיג און האט זיך געסטארעט זיי צו פערדינען.

אבראשקע איז געווען תמיד פערהאוועט, פערקאכט און האט פערדינט געלד. ער איז געווען דער קהל'שער עזות=פנים, האט געשפיעלט אין קארטען מיט דעם סטאנאוואי, געווען א תקיף ביים איספראווניק. און צייטענווייז איז ער געווען דער קהל'שער „שתדלן". דאס שטעדטיל האט פאר איהם מורא געהאט, און פונדעסטוועגען, אז מען האט געדארפט עפעס האבען א שתדלנות ביים סטאנאוואי, צי ביים איספראווניק, האט מען געמוזט אנקומען צו אבראשקען.

קורץ: אבראשקע איז געווען, וואס מען רופט, א נויטיגער מענש אין שטעדטיל, א מענש, וואס אהן איהם איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען א יודישעם שטעדטיל איבערהויפט, ווי עס איז אונמעגליך זיך פארצושטעלען א קיך אהן א קאכלעפעל, אדער א שול אהן א האנד=פאס.

אבראשקע'ס קינדער זענען געווען אלע אין איהם געראטען. זייערע נעמען האט מען נישט געדארפט וויסען; קיין צונעמענישען איז אויך פאר זיי נישט געווען נויטיג, נאר יעדער איינציגער האט געוואוסט, אז „דאס איז אבראשקע'ס בן=אך".

אבראשקע האט נאר געהאלטען זיינע בנים אין דער היים ביז 15, 16 יאהר. אז זיי זענען געקומען צו די יאהרען, האט ער געזאגט: „פאשאל וואן!“ און דאס האט געהייסען, אז מען מוז זיך אליין געהן מאכען א וועג אין דער גרויסער וועלט. און די בנים זענען אוועק.

אבראשקע האט געוואוסט, אז קיינער פון זיינע בנים וועט נישט זיין פערפאלען. נישט אומזיסט רופט מען זיי „אבראשקע׳ס בנ׳אקעס“.

און אזוי איז עס געווען. אבראשקע׳ס בנ׳אקעס זענען אוועק, און אין פערלויף פון עטליכע יאהר האט מען שוין געהערט, אז זיי זענען לייט.

אז עס איז געקומען די צייט פאר אבראשקען צו זאגען „פא-שאל וואן!“ זיין מיזיניק, האט דיזער גענומען זיין טשעמאדאנטשיק אין איין האנד און א פעקעל אין דער אנדערער האנד און איז אוועק אין אמעריקא.

דא האט ער געהאט קרובים, גאר נאהענטע קרובים, דעם טאטענ׳ס ברודער און דער מאמע׳ס שוועסטער, וואס „זענען געווען גוט אפּ“[1]). צו איינעם פון זיי, א מאנופעקטשורער[2]) אין א לענד-לארד[3]), איז אבראשקע׳ס מיזיניק אריינגעפאהרען גלייך פון שיף. דער רייכער קרוב האט אידם געגעבען א פיינעם דינער[4]) און גע-לאזען אידם נעכטיגען ביי זיך דריי טעג. אויפ׳ן פירטען טאג האט דער רייכער קרוב גענומען אבראשקע׳ס מיזיניק פאר דער האנד און געזאגט בזה הלשון: איך וואלט דיר קענען געבען די-נערס נאך עטליכע וואכען, אפילו עטליכע מאנאט, און קווארטיר איז ביי מיר דא פאר עטליכע גרינע, נישט פאר איינעם. נאר אין אמעריקא דארף מען העלפען זיך אליין, בפרט אז דו ביזט אבראש-קע׳ס בן-אק. לכן, עס אב היינטיגען מאל דינער און שלאף זיך גוט אויס און מארגען — פאשאל! העלפ יורסעלף[5]); דו פערשטעהסט, וואס דאס איז?

אבראשקע׳ס מיזיניק האט פערשטאנען וואס איז „העלפ יור-סעלף“, הגם ער איז נאך געווען א „גרינער“. ער האט דעם פעטער גארנישט געענטפערט, נאר ביי זיך האט ער געפיהלט, אז דער פעטער איז גערעכט, און אויף מארגען האט ער גענומען א באסקעט[6]) און איז אוועק פעדלען אין קאאונטרי[7]).

---

[1]) פערמעגענד רייך. [2]) פאבריקאנט. [3]) בעל-הבית פון א מויער. [4]) וואַ-רעמעס. [5]) העלף זיך אליין. [6]) א קארב. [7]) אויפ׳ן דארף.

דריי פיערטעל יאהר איז פון אבראשקע'ס מיזיניק נישט גע־וועןקיין שום סלוך, קיין איינגעטונקטע פעדער. ביי די קרובים האט מען שוין אן איהם לאנג פערגעסען. נאר איין מוהמע, צו וועלכער ער איז פערפאהרען, האט זיך איינמאל דערמאנט אן איהם און האט פארגעווארפען איהר מאן, וואס ער האט אוועקגעלאזען אב־ראשקע'ס באי[8]. מען האט דאך איהם געקענט געבען א דזשאב[9] אין דער פעקטארי[10], מיט וואס איז ער ערגער פאר א פרעמדען?

געזאגט האט זי דאס כלומר'שט פון יוצא וועגען.. אין אמת'ן האט איהר דער מיזיניק ווייניג געקימערט, אזוי ווי איהר ברודער אבראשקע אליין, מיט וועלכען זי האט זיך ניט געזעהן דרייסיג יאהר. נאר „מען דארף דאך יוצא זיין פאר א וועלט".

איהר מאן, דער מאנופעקטשורער, און דער לענדלארד, האט איהר געענטפערט, אז אבראשקעס א בנ'אק וועט דער טייוועל נישט האפען. די „געפינם וועט זיך נאך אומקעהרען, געוועז מיינד[11]".

און ווירקליך: אבראשקע'ס מיזיניק איז ניט פערפאלען גע־ווארען: אין דריי פיערטעל יאהר ארום, אין א שענעם פריהמארגען איז ארייך צום מאנופעקטשורער און לענדלארד אין הויז א באי א העלד, א ספארט[12], א יענקי[13], און האט געפרעגט אויף ענגליש, אבער אמת'ע ענגליש, אונטער'ן נאז, ווי א ריכטיגער אמעריקאנער: צו דא וואוינט דער אין דער. די מוהמע האט א ביסעל גערעדט ענגליש, אבער זיין שפראך האט זי נישט פערשטאנען, ווייל ער האט גערעדט אזוי פערצויגען און אונטער'ן נאז, אז זי האט איהם געקוקט אין די אויגען און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען.

זי האט איהם אריינגעשיקט די קינדער, זיי זאלען פרעגען, וואס דארף דער מיסטער. דיזע האבען נאך א קורצען געשפרעך מיט'ן גאסט מיט ערשטוינען זיך דערוואוסט, אז דער מיסטער איז קיין אנדערער, ווי אבראשקע'ס מיזיניק. ער האט זיי דער־צעהלט, אז ער האט אין קאאונטרי געמאכט גאנץ גוט. לכתחילה איז געוועזען „אף קא'ס ע ליטטל הארד[14]", אבער ער האט נושא חן געוועזען ביי אלע פערמערשע שיקסעס און זיי האבען איהם גע־געבען צו לעזען און געלערנט רעדען, ענד עז יו סי — אים אלל רייט![15].

ער האט פאר די דריי פיערטעל יאהר געמאכט א הונדערט דאללאר. דאן האט ער געזאגט צו זיך אליין: גענוג! די קאאונטרי איז גוט און די אירישע[16] שיקסעס נאך בעסער, באט אי וואנט

---

[8] בחור. [9] שטעלע. [10] פאבריק. [11] נישט קשה. [12] א פראנט [13] אנ'אמעריקאנער. [14] פערשטעהט זיך א ביסעל שווער. [15] און ווי איהר זעהט בין איך ניט צו פערזינדיגען. [16] אירלענדישע

טו מייק מאַי פּאָרטשון ביקאָז איִם דהי מען[17], און איז געקומען צוריק אין שטאָדט. דאָ האָט ער אויסגעגעבען כמעט דאָס גאַנצע געלד אויף קליידער, האָט זיך אויסגעקליידעט ווי אַ עכטער פראַנט אין אַ דריי דאָלערדיגען הוט און 4 דאָלערדיגע שיך און — איז אַוועק מיט'ן ערשטען וויזיט צום פעטער, ווייזען, אַז אַבּראַשקע'ס מיזיניק איז נישט פערפאַלען געוואָרען — נעהער מאַינד.

גערעדט האָט ער נאָר ענגליש אַפּילו מיט דער מוהמען און דעם פעטער אויך, און דוקא קאָאונטרי לשון: אונטער'ן נאָז, פער־צויגען און האַלבע ווערטער אַריינזופּענדיג אונטער'ן צינג. ער האָט גערעדט אַפּילו בעסער פון זיינע קאָזינס, וועלכע האָבען געשפּראָכען העסטער־סטריט־ענגליש. דער פעטער מיט דער מוהמען האָבען אָפּט אויסגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר אויגען, נישט פערשטעהענדיג אָדער נישט דערהאַפּענדיג אַ וואָרט. זיי האָבען געפּרובט רעדען מיט איהם יודיש, אָבער ער האָט זיי געענטפערט נאָר ענגליש. קורץ, זיין פעטער מיט דער מוהמען, וועלכע זענען אין לאַנד 25 יאָהר, האָבען אויסגעזעהן געגען אַבּראַשקע'ס גרינעם מיזיניק, וואָס איז נישט מעהר ווי 9 מאָנאַט אין לאַנד, ווי אמת'ע גרינהאָרנס, און ער, דער מיזיניק אַליין, איז געזעסען פערלעגט אַ פוס אויף אַ פוס, איין האַנדשוה האָט ער געהאַלטען אויף דער קניע, מיט דער אַנדערער האָט ער געשפּיעלט, און זיינע אויגען האָבען געבלי־שטשעט מיט נצחון איבער זיינע קרובים די „העסטער סטריטער שיני'ס[18]".

מען האָט איהם געבעטען עסען דינער. נאָך דינער האָט ער אָנגעצויגען די האַנשוה, אָנגעטאָן דעם הוט און געזאָגט: „גוד באַי!"[19].

די מוהמע מיט'ן פעטער האָבען איהם געוואָלט אויפהאַלטען; געבעטען, ער זאָל בלייבען ביי זיי אַ ביסעל צייט, פּיליכט וועט ער נאָך קענען קריגען אַ דזשאָב ביי זיי אין פעקטאָרי.

— אָ, נאָו, אַי טהיינק יו וועריִ מאַטש[20] — האָט ער געענט־פערט אונטער'ן נאָז — באָט אַ'ן וואָנט טו מייק מאַי פּאָרטשון מאַי־סעלף, עז עַ טרו עמעריקען מען, יו אָנדערסטענד?"[21].

---

17) נאָר איך וויל מאַכען מיין גליק, וואָרום איך בין דערצו דער מאַן.

18) „שיני" — דאָס זעלבע וואָס „זשיד", אַ שימפּף־וואָרט פון אַ אידען אין אַמעריקאַ. 19) אַדיע! אַ גוטען טאָג! 20) אָ, ניין, איך דאַנק אייך גאָר זעהר. 21) אָבער איך וויל מאַכען מיין גליק אַליין, ווי אַנ'עכטער אַמעריקאַנער מאַן, איהר פערשטעהט?

דאָס וואָרט „אָנדערסטענד“ האָט ער אויסגעשפּראָכען אינגאַנצען אין נאָז, געזאָגט נאָך אַמאָל: גוד בײַ! און איז אַוועק.

אין אַ וואָך אַרום איז ער געקומען אין אַ צילינדער, נאָך מיט מעהר שיק, ער האָט געקראָגען אַ שטעלע פון אַ סוילעסמאַן [23] אויף בראָדוויי מיט 15 דאָלאַר אַ וואָך ווידזשעס [24] דעם ערשטען מאָנאַט, דערנאָך צוואַנציג. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ באָלגאַר און איז פינף יאָהר אין לאַנד. זײַן פיגור און קעהר פון אַ דענדי [25] איז גלײַך געפעלען געוואָרען און מען האָט איהם צוגענומען.

זײַנע קאָזינס האָבען אויסגעשטעלט די אויגען, די מומע האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און דער פעטער האָט צו איהר געזאָגט:

— איך האָב דיר געזאָגט, אַז דער קערל וועט נישט זײַן פערפאַלען. נישט אומזיסט איז ער אַבראַשקע׳ס בן־אָק.

---

[23]) פריקאַזשיק. [24]) געהאַלט. [25]) פראַנט.

די „פאפיטע" *)

(כמעט אַן אמת'ע מעשה אין דריי בריעף)

I

צו מיין ליעבען שוועהר, המופלג והמפורסם,
מהורר האטשע וואָלף נ"י!

איך קום אייך צו מעלדען וועגען אַלץ, וואס מיט מיר האָט זיך אָפגעטאָן אין די עטליכע חדשים, וואס איך בין דאָ אין אמע־ריקא. און עס זאָל אייך קיין וואונדער ניט זיין, וואס איך האָב אייך אַזוי לאַנג ניט געשריבען, און פעשע זאָל ניט מיינען, אַז איך האָב איהר געלאָזען אַן עגונה מיט די דריי עופ'לעך. איך האָב פשוט קיין צייט ניט געהאַט, וואָרום רק איך האָב אַרום די פאָ־פיטעס: אַ פאָפיטע געקויפט, אַ פאָפיטע פערקויפט, און גע־מאַכט אַ שענע פאָר טאָלער. איך זאָג אייך: אמעריקא איז אַ לעבעדיגע וועלט, אַ גאָלדענע מדינה. עס פערדריסט מיך, וואס איך בין מיט צעהן יאָהר פריהער ניט געקומען אַהער, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אַ רויטשילד.

לכתחילה האָב איך געהאַט אויסצושטעהן געהאַקטע צרות. איך האָב אַפילו געהאַט הונדערט רובל, וואס איך האָב געקראָגען אויפ'ן נאָכגעמאַכטען וועקסעלע, און געמוזט אָבציהען דעריבער פון רוסלאַנד, אָבער איך האָב מורא געהאַט אַריינצושפּאַרען זיי ווילד פרעמדע מענשען. וואָרום דאָ איז גנב און גזלן. אַז מען דערשמעקט, אַז דו האָסט אַ פאָר סענט אין קעשענע, רינגעלט מען דיך אַרום ווי די ביהנען, און מען וואָלט דיך אויפעסען. דערצו האָב איך געמוזט האַלטען זיך אָן אַ זייט, וואָרום איך האָב מורא געהאַט, אַז לאַנדסלייט זאָלען מיך ניט דערקענען. וואָרום דאָ איז פאַראַן אַזעל־

---

*) אַ פערגרייזט וואָרט פון אמעריקאנער זשארגאָן. אין ענגליש The property. וואס דאס וואָרט בעדייט וועט דער לעזער געוואָהר ווערען ווייטער.

כע פון אונזער שטעדטיל, וואָס איך האָב זיי געשמאַק אָבגעפּליקט און, פערשטעהט איהר דאָך, אַז קיין נחת וואָלט איך פון זיי ניט קלייבען.

אַהין—אַהער, אַרבייטען האָב איך ניט געוואָלט, וואָרום איך בין דערצו ניט געוועהנט. איך האַלט פון איין כלל: אַז עס איז שוין יאָ בעשערט צו אַרבייטען, זאָל בעסער יענער אַרבייטען פאַר מיר, איידער איך פאַר יענעם. האָב איך געזוכט: וואָס קען מען עפּעס מאַכען פאַר געשעפטען מיט די עטליכע רובל. פערלייען דאָ אויף פּראָצענט אַזוי ווי אין דערהיים—האָב איך מורא געהאַט: פרעמדע מענשען! ווער קען זיי? דאָ אַ קרעמערל איז ניט ווי אין דער היים. היינט איז ער דאָ און מאָרגען האָט ער שוין פערקויפט די קראָם און געמאַכט אַ ויברח, אָדער פּשוט אַריבערגעמופט*) אין אַ צווייטען עק שטאָדט און—געה זוך איהם! די שטאָדט איז אַ ים!

איז געווען זעהר שלעכט! איך האָב געזוכט אַ לינקע ביזנעסעל**), האָב איך מורא געהאַט, וואָרום איך בין נאָך גרין און דאָ איז פאַרהאַן מישטשיקעס, זענען זיי מזיקים, „דעדעקטיווס“ רופט מען זיי דאָ.

איז געווען זעהר שלעכט. געה איך אַמאָל אין בראָנזוויל, אין „פּיטקע עוועניו“—אַזאַ גאַס איז דאָ אין בראָנזוויל, און בראָנזוויל איז אַזאַ שטעדטיל נעבען ניו־יאָרק. ביי אונז וואָלט דאָס געווען די גרעסטע שטאָדט, און דאָ איז דאָס אַ שטעדטיל. זעה איך: מען לויפט אַהין און אַהער ווי פערסמ׳טע. קלער איך: וואָס איז דאָס דאָ פאַר אַן אַנגעלויף? אין מיטען דערינען טו איך אַ בליק... טרעפט וועמען האָב איך דערזעהן? ריווע די טענטלערקע! וואָס האָט געהאַנדעלט ביי אונז אין שטעדטיל מיט געגנב׳עטע זאַכען. איך האָב געוואָלט אָבציהען, זי זאָל מיך ניט דערקענען, אָבער זי האָט מיך שוין דערשמעקט: „נחומ׳קע! אַ קלאָג צו דיר, וואָס טוסטו דאָ?“ מאַכט זי. „וואָס טוסט דו דאָ“,—פרעג איך—ריוועצקע? „וואָס טו איך דאָ? וואָס אַלע טוען אין „פּיטקע עוועניו“, אין בראָנזוויל. איך האַנדעל מיט „לאַטס“***).

בקיצור: זי האָט מיר דערצעהלט, אַז איהר בן־אָק זושינקע, דער קעשעניק, אַז דאָ געוואָרען אַ טייטשישער „יהודי“ און האָט

---

*) אַריבער געקליבען זיך.
**) געשעפטיל.
***) פּלעצער.

„פּאָפּיטעס“, און איז אַריין פֿון די פּאָפּיטעס אין גאָלד. נאָר איהר, ריוועצקע'ן הייסט עס, האָט ער אַרויסגעטריבען. זי איז אָבער אויך ניט פֿון דריי אַ גראָשען. האָט זי אויף איהם אָנגעגעבען אין „קאָרט“, אין סוד הייסט דאָס, און דער סודיא האָט געמשפּט, ער זאָל איהר געבען פֿינף טאָלער אַ וואָך. פֿאָהרט זי איצטער אַלע שבת צו נאַכט אין „פּיטקע עווענױ“ און האַנדעלט מיט לאַטס. וואָרום אַלע אָפּרייטערשע ווייבער און מאַרק יודענעס האַנדלען דאָרטען מיט לאַטס. מען האָט פֿינף טאָלער גיט מען אַנ'אויפגאָב און מען פֿערקויפט מיד ליד. און מען פֿערדיענט אין איין האַלבע שעה אַ דריי קאַרבען צו אַ גאַנצען פֿינפֿעריל.

מיינער האָט דאָס דערהערט, איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען. „סטייטש! וואו? ווי? זאָג, ריוועצקע, אַ קלאָג צו דיר! האָט זי מיר דערצעהלט דעם גאַנצען עסק, און מיר האָבען אָנגעהויבען צו האַנדלען שותפות. דערנאָך, אַז איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט די ביזנעס האָב איך איהר געדאַרפט האָבען אויף צעהן כפּרות. אין אַ פּאָר חדשים האָב איך פֿערדיענט טויזענד קערבלעך. נעהם איך און קויף אַ פּאָפּיטע. וואָרום אַ פּאָפּיטע קויפען דאַרף מען דאָ ניט האָבען קיין סך געלד. פֿון דעם מסחר האָב איך זיך אויך ניט לאַנג דערוואוסט. דאָס איז דער בעסטער מסחר — האַנדלען מיט פּאָפּיטעס.. געקויפט און פֿערקויפט, פֿערקויפט און געקויפט — און געמאַכט מיד ליד טויזענד קערבליך, און אפשר מעהר.

איצטער וויל איך זיך איבערקלייבען אין דער „פֿינפֿטער עוועניו“ *). און אויך ווערען אַ טייטשישער יהודי **) אַזוי ווי זושענקע ריוועדער־טענטלערקעס. הכלל: איך זאָג אייך, אַז אַמעריקאַ איז אַ לעבעדיגע וועלט און פּאָפּיטעס איז דער בעסטער מסחר. מען דאַרף גאָר נישט טהון: מען זיצט און עס פֿאָהרט זיך. איהר פֿערשטעהט? מען טהוט גאָר נישט און עס קוועלען טאָלערס, טאָלערלעך, אַלע טאָג פֿרישינקע, נייאינקע, פֿערשטעהט איהר מיך?

---

*) די סאַמע פּאַראַדנע גאַס אין ניויאָרק, וואו עס וואוינען די מיליאַרדערן.

**) ניויאָרקער אידישע „אַריסטאָקראַטיע“ — רופען זיך „דייטשע יהודים“, זיי רעדען ווירקליך „דייטשמעריש“, האָטש אַ סך זענען פֿון קאַלוואַריע אָדער סמאַרגאָן.

II

צו מײן ליעבען אײדעם המופלג,
המפורסם, מוהר"ר נחום בער נ"י.

א קלאג צו דיר א גרויסער, נחומ'קע! וואס איז דיר צוגעקומען, וואס ביזטו פערשטומט געווארען הדשים לאנג! דײן פעשע האט דאך שוין געמײנט, אז דו ביזט דערטרונקען געווארען, צי דו האסט אײנגענומען א מיתה משונה! נאר וואס געווען איז געווען. אבער וואס פאר א טערקיש האסט דו דאס אנגעשריבען אין דײן בריעף? וואס איז דארטען בײ דיר פאר א „לאץ" און „פאפיטעס"? מיר האבען דעם קאפ געבראכען און האבען ניט געוואוסט, וואס איז דאס אזוינס!

הקצור: דאס מעג זײן, וואס עס איז, אבי דאס איז א גוטע זאך! איך פערשטעה, אז דאס איז א גוט עסק'ל... סטײטש! פאר וואס האסטו געשוויגען ביז אהער, דו יאלאפ! מיר וואלטען דאך שוין לאנג אלע געפאהרען אין אמעריקא, געקויפט פאפיטקעס און גע־גאנגען אין גאלד... גוואלד, גזלן, ווי אזוי שווײגסטו דאס! נאר וואס געוועזן — איז געוועזן, זאלסטו וועלען וויסען זײן, אז איך האב פער־קויפט מײן גאנצע בעלי בתיש'קײט, און האשע גרונעס, דײן שווי־גערס, פערל און אוירינגלעך, און מיר פאהרען אין אמעריקא האנד־לען מיט פאפיטעס, און חיים שמואל, און יונה דאבע־מאטלעס, און זבולון גיטע־מאריאשעס, און העניך ליב'קע־דעם־שמײסערס, און יעקעל דער סבארשטשיק אלײן, — הקצור: גאנץ שטעדטיל פאהרט אין אמעריקא האנדלען מיט „פאפיטעס". איך זאג דיר: עס וועט א נפש ניט בלײבען בײ אונז. אלע פאהרען, אלע פאהרען מאכען מסחר מיט פאפיטעס. זאלסט זיך ריכטען אויף אונז, אנגרײטען שענע געצלעך מיט א היבשע ביסעל משקה, ווארום דו ווײסט דאך, אז דער עולם האט האלט א „סנאסקע"...

III

צו מײן ליעבע און טרײע שוועסטער
מרת האנע־גישע זאל לעבען מיט
פיעל גליק און פרײד און פרנסה מיט
דײן מײן און דײנע קינדערלעך, אמײן
סעלא.

ערשטענס לאז איך דיר וויסען, אז מיר זענען ברוך השם געזונד, א קלאג צום יאלאפ א גרויסער! אונגליקליך זענען מיר! דורך

דער עוד זאל ער גיין מיט זיינע פאפיטעס! זאלען זיך איהם וועצען געשווירען אזוי גרויס ווי א „פאפיטע!...“ הער, וואס ס'האט זיך אפגעטהון זינד מיר זענען געקומען אין דער הושפדיגער אמעריקע, מילא ווייסט דאך, וואס פאר א געוודער ער האט דאס אנגעמאכט ביי אונז אין שטעדטיל מיט די „לאך“ און מיט די „פאפיטעס“. האבען מיר דאך פערקויפט „האקעל באקעל“, און געלאזען זיך אין אמעריקא... קומען מיר אין אמעריקא...; קומט ער אויפ'ן שיף... אונז אראבנעהמען... נעהמט ער און לאכט... דער יאלאפ, א קלאג צו זיינע יאהרען... אז איך זאל וועלען, זאגט ער, שיקט מען אייך אלעמען צוריק פון וואנען איהר זייט געקומען געווארען, און אז איך וויל לאזט מען אייך אראב, ווארום איך בין א לענדלארד*), פערשטעהט איהר מיך? און האב פאפיטעס, און אמעריקא איז מיינע, פערשטעהט איהר מיך?

קומען מיר צו איהם, וואוינט ער דאך ווי א הונד. קוקען מיר איהם אין די אויגען, זוכען אין אלע ווינקעלעך. „וואו זיינען דיינע פאפיטעס? גיכער, זאג שוין אויס“ — רופט זיך אב מיינער, ווארום אנ'עבירה די צייט [illegible] זאל מען זיצען אהן עסק, אז מ'קאן מאכען א פאר קערבלעך! נעהמט ער אונז ביי דער האנד און פיהרט אונז ארויס אויפ'ן גאס, און ווייזט מיט'ן האנד אויף א גרויסען, גרויסען מויער. „געפעלט אייך, — זאגט ער, — דער מויער?“ „פארוואס ניט, — מאכט מיינער — הלואי האב איך איהם אנ'אייגענעם, וואלט אפשר געווען בעסער פון פאפיטעס“. „כא-כא-כא! לאכט ער זיך פאנאנדער. אט דאס איז — זאגט ער — „מיין פאפיטקע“, ווי געפעהלט עס אייך“? קוקען מיר איהם אין די אויגען. לאכט ער נאך מעהר און מאכט: וואס קוקט איהר ווי ליימענע גולמ'ס? איך זאג אייך, אז דאס איז מיין פאפיטע; אין אמעריקא זאגט מען אויף א מויער — פאפיטע. איך האב אזעלכע דריי.

— נו, נו — רופט זיך אב מיינער, מהיכא תיתא, זאל דאס זיין פאפיטע! אבי פערדינען א שיין קערביל.

מילא הער, וואס איז געווען. „איהר ווילט וויסען, — מאכט ער — ווי מען מאכט א שיין קערביל אן „פאפיטעס“? „אודאי וויל איך“, — זאגט מיינער. — „נו, מאכט ער, קוקט און שווייגט, און לערנט זיך“.

בקיצור, אויף מארגען זעהען מיר ווי ער האט פינף שכנים ארויסגעווארפען אויפ'ן גאס. די איבעריגע האבען זיך איינגעבעטען מען זאל זיי לאזען, און מען האט געגעבען א הוספה צו 2 טאלער

*) א בעל הבית פון א מויער.

א חודש. די ניע, וואס זענען אריין אין די דירות פון די ארויסגעווארפענע, האבען געצאהלט מיט דריי און פיער טאלער א חודש טייערער. איז ארויפגעקומען 70 טאלער א חודש טייערער. איז געווארען דער גאנצער, מויער טייערער מיט פינף טויזענד טאלער. ווארום וואס א מויער טראגט מעהר אריין, ווערט ער אליין טייערער. ביי אונז איז דאס אויך אזוי. האט ער איהם פערקויפט מיר ליד און פערדיענט פינף טויזענד טאלער. און יענער וואס האט געקויפט האט אויך אזוי געטון, און אויך פערדיענט. אט אזוי טוען אלע. און געלד ארייגלעגען אין די פאפיטעס דארף מען ניט קיין פולע. מען גיט נאר עטליכע הונדערט אנ'אויפגאב, דאס איבריגע בלייבט אין באנק. האבען מיר אלע געקויפט פאפיטעס און מיינען: מיר שעפען גאלד, מיר ווערען רויטשילדס, ערשט—הער וואס איז געוועזן, וואס פאר א מפלה מיר האבען דאס געהאט, א מפלה זאל קומען אויפ'ן יאלאפ, רבונו של עולם! אט די שכנים, הערסטו, איז א פנים ניט געפעלען געווארען, וואס מען ווארפט זיי אויפ'ן גאס און וואס זיי דארפען אליין העכערן דירה געלד, האבען זיי אלע געמאכט א בונט, און מען האט גענומען קריטיקירען אויפ'ן בלאט, און עס איז געווארען גוואלדען און יללות, און צעהן טויזענד בעלי מלאכות מיט ווייבער און קינדער זענען ארויס אויפ'ן גאס מיט רויטע פאהנעס. דאס רופט זיך ביי זיי לימעסטראציע. און קיינער האט ניט געוואלט צאהלען טייערער א גראשען. טאמער האט מען עטליכע געוואלט ארויסווארפען, האט מען געשלאגען דעם בעל הבית, געמאכט א מיתה. מיינער ליגט שוין דריי וואכען א צומית'טער אין שפיטאל. איצטער האבען זיי געמאכט איין האנד, אז דער, וואס האט געוואלט העכערן אדער ארויסווארפען, זאל מען ביי יענעם גאר ניט דינגען קיין דירה, און אנדערע פאפיטעס פוסטעהען שוין צוויי חדשים, און מיר זענען בדיל הדל געווארען, און אלע אנדערע, פון שטעדטיל, זענען בדיל הדל געווארען, און איך מוז געהן וואשען פאדלאגעס, און מיינע קינדער געהען צונעהען קנעפלעך צו מאנטבילשע פלודערן, און מיר ווערען אויסגעריסען אויפ'ן פיר, און אז מיר וואלטען האבען מיט וואס, וואלטען מיר אנטלאפען פון דער פינסטערער אמעריקע אין מיטען נאכט... א קלאג צו קאלאמבוסען מיט'ן יאלאפ אין איינעם — רבונו של עולם!...

פֿון „יאַטקע גאַס" אין „עסיג" סטריט.

(אַ בילד פֿון ניו־יאָרקער געטאָ).

„אַ דאַנק דיר גאָט, אַראָב פֿון קעסט! ווײַטער אַ בעל־הבית׳טע פֿאַר זיך" — האָט געליע די בעבערקע געקלערט אַוועקזעצענדיג זיך אויף אַ צובראָכענע קעסטעלע, וואָס זי האָט נאָר וואָס אָבגעקויפֿט בײַ אַ קלײנעם לויפֿערל*) פֿאַר אַ גלעזעלע הײסע באָב. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען סקוהל**) אין העסטער סטרית, נית ווײַט פֿון איהר „עסיג"***) סטרית, וואו זי האָט געהאַט איהרע שטענדיגע קונדען. דער קאָך איז געווען אַקוראַט אַנטקעגען, אויף דעם אַנדער זײַט טראָטואַר; אָבער דאָ, אויף דעם ברײטען טראָטואַר, לעבען סקוהל, איז געווען שטיל, און געליע האָט געקענט אַ ביסעל געבען רוהה איהרע צוהלשׁטע פֿיס. פֿאַר אַ גאַנצען טאָג האָט זי זיך גענוג אָנגעשטופּעט. עס האָט זיך נאָך אַפֿילו ביסלעכווײַז געלײזט, נאָר זי האָט שוין מעהר נית געקענט שטעהן אויף איהרע פֿיס און איז גערן געווען, אַז איהר האָט זיך געטראָפֿען אַ מציאה: דאָס צובראָכענע קעסטעל בײַ דעם לויפֿערל, און זי האָט געקאָנט זיך צורעגען אַ קאַפּ פֿאַרן גאַנצען טאָג.

— אַ־אַ־אַ... ס׳איז אַ מחיה... האָט געליע גערעדט צו זיך אַלײן, דערפֿיהלענדיג, ווי עס האָט עפּעס אָנגעהויבען צו לויפֿען אין איהרע פֿיס און שטעכען. — אַ דאגה, זאָל שטעכען, אַבי איך פֿיהל זײ, אַבי איך פֿיהל מײַנע פֿיס. אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם! אַ גאַנצען טאָג האָב איך געמײנט, אַז איך האָב קײן פֿיס נית. אַזוי ווי אָבגעשטאָרבען זענען זײ מיר געווען. איצטער פֿיהל איך זײ... אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם"...

זי האָט נאָך געדאַרפֿט אין טאָפּ אַ ביסעל באָב, אָבער זי האָט שוין פֿאַר דער ביסעל נית געדאגה׳ט. „אַ דאַנק דעם אויבערשטען",

---

1) אַ קיוסק, אַ שאַפֿער. 2) שלע. 3) Essex Street עסעקס סטרית עלטערע אידען רופֿען דאָס פּשוט: עסיג־סטרית.

היינט איז געווען דער לייזונג ניט שלעכט; הלואי אויף ווייטער ניט ערגער. גאָט פֿערלאָזט ניט... זי האָט היינט אויסגעבראַכט צוויי טעפּ הייסע בולבע און כמעט צוויי טעפּ הייסע באָב. מיט אַ פֿיער שעה צוריק האָט זי איבערגעצעהלט איהר קאַסע און האָט אויסגערעכענט ביי אַ האַלבען רובל (אַ האַלבען טאָלער — האָט זי זיך באַלד פֿערכאַפּט: זי האָט זיך נאָך ניט געקאָנט אָבגעוועהנען צו רעכענען אויף די היימישע מטבעות). פֿאַר די לעצטע פֿאָר שעה איז איהר אָבער געווים צוגעקומען נאָך אַ „פֿערטעלע". סך הכל וועט זי היינט האָבען פּרנסה אַ „פֿינף גילדענע" (אַ טאָלער אָהן אַ פֿערטעל — האָט זי זיך באַלד ווייטער פֿערכאַפּט). — אַ דאַנק דעם אויבערשטען, איך האָב צו גאָט ניט צוגעלעגט, האָט זי ווייטער געטראַכט. און אַז עס וואָלט געווען ליכטיגער, וואָלט מען געקענט בעמערקען אויף איהר פּנים אַ שטאַרקע צופֿריעדענהייט דערפֿון, וואָס זי האָט, אויסער דעם „פֿינף גילדענע" ריוח, בעקומען צוריק איהרע פֿיס.

— אַ מאָדנע זאַך! האָט געליע געקלערט: עפּעס אין דער היים האָט מען ניט געפֿיהלט: געלאָפֿען, געפּאַרעט אַ גאַנצען טאָג פֿון יאַטקע גאַס אין שלאָס גאַס, פֿון שלאָס גאַס אין אַלטען מאַרק, פֿון אַלטען מאַרק אויפֿ'ן בלאָטע, און די פֿיס האָבען ניט אַזוי וועה געטהון ווי דאָ. ניטאָ דער היימישער כח...

און וואָס געליע האָט ניט געקלערט האָט איהר אַליין געשפּאַרט אין מוח די היים; און ביי יעדען מאָל, ווען אויפֿ'ן זינען איז אַרויפֿגעקומען די היים, האָט זי געפֿיהלט, ווי אַ טיעפֿער, טיעפֿער וועהטאָג איז איהר פֿערגאַנגען אין האַרצען...

אַי, ס'אַרא וועהטאָג... דעם ערשטען מאָל פֿאַר די גאַנצע דריי חדשים, וואָס זי איז דאָ אין „דער אַמעריקאַ", פֿיהלט זי אַזאַ וועהטאָג, אַזאַ ברענענדיגען שמערץ... און דאַכט זיך — דוקא היינט דאַרף זי זיין צופֿריעדען. אַ דאַנק דעם אויבערשטען — אַ מענש פֿאַר זיך; אַזוי ווי אין דער היים... קען נאָך העלפֿען דער טאָכטער מיט אַ פּאָר גילדען... דעם איידעם...

זי האָט געוואָלט אָנהויבען צו קלערען וועגען דעם איידעם און וועגען איהרע צוויי זיהן מיט די שניר, און וואָס עס האָט מיט איהר פּאַסירט די דריי חדשים זינט זי איז אַראָב פֿון שיף. נאָר פּלוצלונג איז אָנגעגאַנגען דער פּאָליסמאַן[4] מיט'ן קלאָב[5], און

---

[4]) פּאָליציאַנט, גאָראָדאָווי.

[5]) שטעקע.

געליגע האט אונבעוואוסט געשטעלט זיך אויף די פיס, א לאפּ געטהון דאס צובראכענע קעסטעל און געלאזט זיך לויפען. אז דער פאליסמאן איז שוין געווען ווייט און זי האט איהם פערלוירען פון אויג, האט זי אוועקגעשטעלט דאס קעסטעלע נעהענטער צום ראנד, געזעצט זיך, און ווייטער אריינגעפאלען אין מחשבות.

— א קלאג צו עם, ס'ארא גרעב!.. — האט זי כמעט הויך ארויסגערעדט, אריינשפארענדיג די אויגען אין דער פינסטערניש, צו יענעם זייט צו, וואהין דער פאליסמאן איז אוועק, — ס'ארא גרעב! ס'ארא הויך!... אין דער היים א דעסיאטניק, אונזער האורילע פון פון יאמקע גאס, וואלט זיך ביי איהם אויסגעקייקעלט דריי מאל אין בויך. און אזוי ווי ער איז גראב, אזוי איז זיין שטעקען. ס'ארא מאדנער שטעקען! ביי אונז געהען זיי מיט שווערדען און מיט „ליוואלווערס" און עס איז גאר ניט אזא פחד ווי דא פאר'ן שטעקען.

און דערמאנענדיג האורילען האט איהר הארץ ווידער אנגעהויבען צו נאיען, צו שמארצען מוראדיג. זי וואלט, דאכט זיך, איצטער בעגעגענט האורילען, וואלט זי איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלז און געקושט זיינע הענד. אזוי טייער איז ער איהר געווארען. אמת: זי איז זיך פון האורילען געגנוג אויסגעשטאנען. ניט איין מאל האט ער ביי איהר אראבגעריסען די פאצילע, געמאכט איהר א רוסישען „מי שברך", צווארפען איהרע עפיל (בשעת זי איז געשטאנען מיט א קאשיק עפעל) געפרעסען אומזיסט איהרע הייסע בולבעס און באב, און געשלעפט איהר נאך אין „טשאסט" אריין; אבער פון דעסטוועגען איז מען פארט מיט איהם אויסגעקומען. אמאל פלעגט מען איהם צוריק אנגיסען א מאדרע און אנאנדערס מאל אויסרעדען פאר איהם דאס הארץ: פארט אן „אייגענער מענש". און דא איז מען אזוי ווי א שטומע. ניטא פאר וועמען אויסצורעדען זיך. אפילו די אייגענע קינדער...

און ביי דעם געדאנק וועגען די קינדער איז איהר געווארען זעהר סמוטנע אויפ'ן הארצען. א טיפע בעליידיגונג האט זי געפיהלט, א וואונד, א צוריאנעטע וואונד, וואס האט ניט אויפגעהערט צו עסען פון דעם דריטען טאג אן, נאך איהר קומען אין אמעריקא.

איהרע קינדער... צוויי זיהן און א טאכטער האט זי געהאט. גאט ווייס ווי זי האט זיך צוליעב זיי מוסר נפש געווען. א יונגע אלמנה איז זי געבליבען. שוין ניין און צוואנציג יאהר, ברוך השם. א רייכער אלמן — א מוליער האט זיך איהר געמאכט, דערנאך א גרויש — א קארעטניק, וואס האט געהאט זיינע אייגענע זעקס פערד און געהאלטען צו זיי מענשען, נאך שדוכים האט זיך איהר געמאכט.

האָט זי ניט געוואָלט הערען, זי האָט מורא געהאַט פֿאַר די קינדער, טאָמער וועט זי צוליעב איהר מאַן און זײַנע קינדער פֿאַרזעהען איהרע אײגענע. איז זי אַזוי געבליבען — אַ יונגע אַלמנה איהר גאַנצען לעבען...

וואָס האָט זי ניט צוטהון צוליעב איהרע קינדער: גרעט געוואַשען, אַ וואַלטערקע געווען, צום מאַרק געגאַנגען, עפּיל פֿער־קויפֿט, באָב אַרומגעטראָגען, עבודת פּרך געטהון — אַבי זײ זאָלען ניט לײַדען קײַן הונגער, ניט געהן קײַן נאַקעטע און קײַן באָרוועסע. אין הדר זײ געגעבען; דערנאָך צו בעלי־מלאכות — פֿאַר מענשען זײ געמאַכט. און אַז זײ זענען געוואָרען גרויס זענען זײ צופֿאָהרען. געלאָזען איהר אײנע אַלײן. אַ פֿריהער די זיהן, דערנאָך האָבען זײ צוגענומען די טאָכטער. איז זי געבליבען גאָר אַלײן. לכתחילה האָבען זײ געשריבען אַלע חודש אַ בריוועל, און אויף אַ יום טוב געשיקט אַמאָל עטליכע רובל. דאָס געלד וואָלט זי זײ מוחל געהען, אַבי זײ זאָלען אָן איהר ניט פֿערגעסען. אַ בריוועלע שרײַבען איהר אָפּט. זײערע בריוועלעך פֿלעגט זי אַרומטראָגען צו אַלע שכנים — בערימען זיך. דעם טאָג, וואָס איהר פֿלעגט אָנקומען אַ בריוועל פֿון אַמעריקאַ, איז בײַ איהר געווען יום טוב. אָבער דערנאָך האָבען זײ אויפֿגעהערט אי צו שרײַבען אי צו שיקען געלד. מילא דאָס געלד וואָלט זי זײ מוחל געווען, אָבער די בריוועלעך... אַי קינדער, קינדער!... זײ ווײסען ניט אַ מאַמעס האַרץ... ווי פֿיעל האָט זי געבענקט און געוויינט... די אויגען האָט זי אויסגעווײנט... ביז זי האָט אַ בריוועלע פֿון זײ דערזעהען. קוים דערהאַרט... אײנמאָל אין אַ האַלב יאָהר — מײנט זי אַז זי וועט האָבען צו לײענען און צו לײענען — גאַנצע בויגעלעך, ערשט גאָר נישט: עטליכע ווערטער. און וואָס ווײַטער זענען אַלץ װעלטענער און קלענער די בריוועלעך געוואָרען. און עפּעס מאָדנע ווערטער, אַזעלכע וואָס זי און קײנער האָט ניט פֿערשטאַנען.

זי האָט געהאַט אַ קלויזניק, האָט ער איהר זעהר גוטע בריעף געשריבען. אַלץ וואָס זי האָט געמײנט. אַזוי ווי ער האָט וויסען איהר האַרץ... אָבער די בריעף איהרע האָבען ניט געהאָלפֿען.

דערנאָך האָט זי פּלוצלונג ערהאַלטען צווײ בריעף: אײנעם נאָך דעם אַנדערען, פֿון איהרע בײדע זיהן, מיט אַ מזל טוב. זײ האָבען חתונה געהאַט אין אַ גוטע שעה. האָבען זײ איהר „פּיקטשעס“ [6] געשיקט. פֿריהער האָט זי ניט געוואוסט וואָס „פּיקטשעס“

---

[6] בילדער.

איז (איצטער ווייס זי), נאָר זי האָט זיך אָנגעשטויסען. זי האָט זיי קוים דערקענט — די זיהן. עפּעס אין מאָדנע קאַפּעליושען: אַזוי ווי אַקטיאָרען. לאַנגע שוואַרצע רעק מיט אָבגעלאָזענע פּאָלעס, ווי די גרעסטע פּראַנטען און בּלימעלעך אין די קלייזעס. הייסט די כּלות: דורכאויס אין זיידענס און בּלומען און אין טילענע שלייערס פֿון אויבען בּיז אַראָב, אַזוי ווי גראַפֿינעס. קיין געלד האָבען זיי ניט געשיקט. נאָר פּיקטשעס. נאָר זי האָט געדאַנקט גאָט דערפֿאַר. זי האָט די „פּיקטשעס" בּעדעקט מיט קושען צוואַנציג מאָל אַ טאָג. ליעב און טייער זענען זיי איהר געווען. אמת, אַ סך ליעבער וואָלט איהר געווען ווען זיי, די פּיקטשעס, הייסט דאָס, וואָלטען געווען פּראָסטער, מעהר ענליך אויף געליע די בּעבּערקעס זיהן און שניר. וואָס איז? און אַז מען האָט שוין עטליכע גראָשען מוז מען דאָס אין אַלץ נאָכטאַנצען זיי, די נגידים? מען קאָן מאַכען אַ שענעם בּגד און אָהן „שלעפּעס" מיט „אָבגעלאָזענע פּאָלעס"...

דערנאָך איז אַוועק צוויי יאָהר. די טאָכטער האָט אויך חתונה געהאַט, פֿאַר דער גאַנצער צייט האָט זי געהאַט נאָר עטליכע בּריוועלעך פֿון זיי אַלעמען. די שניר מיטין איידעם האָבען נאָר איין מאָל נאָך דער חתונה געשריבען עטליכע ווערטער — אַ גערים. מעהר האָט מען פֿון זיי אַ וואָרט ניט געהערט. און די בּריעף זענען געווען עפּעס אַזוי ווי טערקיש: „פּיקטשע" און „לעטער" און „פֿאַרניטשע" און נאָך אַזעלכע משוגעינע נעמען. קוים וואָס זי, מיטין קלויזניק, פֿלעגען דורכקריכען די בּריעף.

דערנאָך זענען זיי פֿלוצלונג גוט געוואָרען, די קינדער. עס איז אָנגעקומען אַ בּריעף נאָך אַ בּריעף. דער שרייבט: „מאַמע, קום אין אַמעריקאַ", דו וועסט זיין בּיי „מיר", און דער שרייבט: „דו וועסט זיין בּיי מיר". צום סוף האָבען איהרע בּיידע זיהן געשיקט אַ שיפֿסקאַרטע מיט דרייסיג רובּל מזומן און געבּעטען: למען השם, זי זאָל גלייך אַרויספֿאָהרען.

איז זי אַרויסגעפֿאָהרען און געקומען אין אַמעריקאַ. איצטער ווייס זי, וואָס איז געווען אַזוי די הילענעס און די שפּערענעס. איינקלעך זענען געבּאָרען געוואָרען, האָט מען געדאַרפֿט ניאַנטשען די קליינע קינדער. האַלטען אַ פֿרעמדען מענשען קאָסט טייער אין אַמעריקאַ. דערצו זענען די דיענסט-מיידלעך גרויס בּיי זיך, גאַנצע פּריצטעס. נו, איז בּעסער, פֿערשטעהט זיך, די מאַמע. אויף צרות און אויף כּפּרות איז די מאַמע! אַז די מאַמע האָט געהושפּיט דאָרטען אין אַ לאָך אין יאַטקע גאַס, וויסט און עלענד, און האָט טרעהרען פֿערגאָסען, האָט מען פֿערגעסען די מאַמען...

מילא, זי איז געווען צופֿריעדן. אַ דאַנק גאָט דערפֿאַר; אַבי זי האָט זיך דערזעהן מיט זיי געזונטערהייד. וואָסערע קינדער זיי זענען — פֿאַרט קינדער. אמת: שווער איז איהר געווען צו שיידן זיך מיט יאַטקע־גאַס, מיט׳ן אַלטן מאַרק, מיט די שולן. מיט אירע קלויזניקעס, וואָס זי האָט זיי געקאָרמעט מיט הייסע בילבעס און באָב. מיט אַלע אירע באַקאַנטע אין ריאַד, און אין די יאַטקעס, מיט אירע שכנים. אַ שטיק האַרץ האָט זי דאָרטן געלאָזן, אין דער היים. אַזוי ווי אַ צעריסענע איז איהר האַרץ געווען, אויף צוויי שטיקער: איין שטיק האָט געצויגן אַהער, איין שטיק האָט געצויגן אַהין.

די שכנים און אַלע באַקאַנטע האָבן איהר מקנא געווען. „געלינקע, וועסט דאָך לעבן איצטער ווי אַ פּריצטע, וועסט אָפּרוהען צו דער עלטער“.

אוי, אַז זיי וואָלטן וויסן, ווי זי רוהט איצטער אָפּ... אירע פּיסעלעך...

אַז זי איז אָנגעקומען, איז געוואָרן אַ קריג צווישן די זיהן; דער וויל די מאַמע זאָל זיין ביי איהם; דער וויל די מאַמע זאָל זיין ביי איהם. איז געבליבן: אַ ביסעל ביי דעם, אַ ביסעל ביי יענעם. די שניר זענען אויך געווען לכתחילה צופֿריעדן מיט איהר, און זי מיט זיי אויך. געוועהנליך, האָט זי זיך גלייך געכאַפּט טהון אין שטוב דאָס און יענעס, געניאַנטשעט די קינדער... די אייניקלעך זענען ביי איהר געווען איהר חיות, איהר לעבן. האָט די צוליעב זיי אַלץ פֿאַרטראָגן. און פֿאַרטראָגן האָט זי אַ סך. בלויז די ערשטע עטליכע טעג האָט מען איהר געהאַלטן נישט קשה. דערנאָך האָט מען זיך מיט איהר „געשאַפֿיעט“ ווי מיט אַ דיענסט. די שניר האָבן תמיד נאָר גערעדט מיט די זיהן אויף „גויעש“, געקוקט אויף איהר און געלאַכט, פֿון איהר קעהר און פֿון איהר ריהר. אַז געסט פֿלעגן קומען, פֿלעגט מען איהר פֿאַרשפּאַרן מיט די בייבים[7] אין בעדרום[8]. מען שעמט זיך מיט דער אַלטער מאַמען... די גרעסטע יסורים האָט זי געהאַט מיט׳ן עסן און מיט׳ן דאַוונען. די שניר האָבן די ערשטע טעג עפּעס „בעטרושעט“ אַ ביסעל די פֿלייש, לפֿנים וועגן. דערנאָך האָט מען גאָר אויפֿגעהערט צו זאַלצן די פֿלייש, און מען האָט גאָר קיין כשרות ניט געהיט. מילא זי וואָלט זיי מוחל געווען. הײַנט זענען אַלע ניט פֿרום.

---

[7]) קליינע קינדער.

[8]) שלאָף־צימער.

מען קען, ברוך השם, אויף היינטיגע קינדער קיין קאפ ניט ארויפ־שטעלען. וואלטען זיי כאטש פון איהר ניט געלאכט, פון איהר ליכט בענשטען, פון איהר תחינות זאגען. און דער עסען? ווי קען זי עסען זייערע? האט זי מעהר ניט געגעסען ווי טיי מיט ברויט און קארטאפלעס, אדער פלעגט פארקאכען אין א בעזונדער פענ־דעלע אביסעל גרויפען מיט מילך. אט פאר דער בעזונדער פענדעלע האט זיך געטהון מעשים...

האט זי געוואלט געהן צו דער טאכטער. האט אבער די טאכטער א שלים־מזל'דיגע מערכה פארן „בורצון", פארן מאן הייסט דאס. דערצו האבען זיי נאך קיין קינדער ניט... און זענען אביונים.

האט זי זיך מישב געווען: קינדערלעך, זייט אייך געזונטער־הייד! די מאמע האט איהר גאנצען לעבען געהארעוועט און ביי קיינעם ניט פערנומען און קען נאך איצט אויך פערדינען איהר אייגענעם גראשען.

און האט געדונגען א בעטיל ביי א בעקאנטע יודענע, וואס זיצט אין מארק מיט צוקערלעכעך, און האט זיך גענומען צום היי־מישען עסק.

די ערשטע פאר טעג איז געגאנגען ניט אזוי. דער עולם האט געלאכט פון איהר: ווי געפעלט אייך די בזנעס? אין אמע־ריקא איז זי געקומען האנדלען מיט באב?... אבער אז עס איז געווארען קעלטער און דער עולם האט פארזוכט איהרע געשמאקע בולבעס און באב, וואס צושיטען זיך פשוט אין מויל, האט מען גענומען קויפען, נישט קשה...

א דאנק דיר גאט... היינט האט זי געהאט שענע פרנסה: א טאלער אהן א פערטיל. די ערשטע זאך דארף מען קויפען עפעס א מתנה, שענע צאצקעלעך פאר די אייניקלעך. אי, ס'ארא גוטער גאסט זי וועט דאס איצטער זיין!...

דער „פארטעל-מאכער“.

(אנ'אפרייטאר'ס מאנאלאג).

אז איך בין היינט געקומען אין שאפ, איז געווען דארטען א גאנצע מהומה. זז... זז... זזז... ווזז... עס האט געהודושעט נאך אגאנד אומעטום, ביי יעדער מאשין. ניט די מאשין אליין האט געהודושעט, נאר די אפרייטארס אויך, און די פינישערס און די פיני־שערינס[1] אויך, איבערהויפט האבען געהודושעט די פינישערס, מען האט גענייט א ווילע און געסטאפט[2] און אונטערגעלאפען איינער צום אנדערן און אריינגעשושקעט עפעס איינער דעם אנדערן אין אויער. אלעמענם מינעס זענען געווען עפעס צושראקענע. אנ־אומעט איז געלעגען אויף די פנימ'ער. איבערהויפט זענען געווען דערשראקען און אומעטיג די פינישערס. איך האב זיך געווענדעט צו איינעם א פינישער און פרעג אידם: וואס איז דער מעדר? „טסס... מאכט ער, אט געדט ער...“ איך האב זיך אויף גיך געזעצט ביי דער מאשין און זעה: וואס דא וועט זיין.

עס איז אריין דער באס[3] מיט זיין גראבען נאז מיט זיין פעטען בייכעל און נאך אידם עפעס א באי[4] אנ'אפרייטעריל, א פנים;

ביידע קוקען איינער אויף דעם אנדערן און ווינקען מיט די אויגען און מעסטען די אפרייטארס מיט די פינישערס פון קאפ ביז די פיס. דערנאך האט דער באי געזעצט זיך ביי אלעדיגע מאשין, ביי לייב־קעס מאשין, ווארום לייבקע איז געווען קראנק, האט ער ניט געקענט ארבייטען. דער אפרייטאר האט צוגענומען ביי א פינישער א ראק האט א קוויין געטהון און א בויג געטהון דעם אונטערשלאג אויף די פארערסטע פאלעס, געגעבען א פידר אונטער מאשין און אין איין מינוט האט ער עס צוגעסטעפט: „אידר זעדט, ווי פיין, און ווי גיך!“ מאכט ער. אט אזוי וועט אידר מעדר ניט דארפען האבען די עטליכע פינישערס: די איבעריגע וועט אידר קענען סעקען[5].

[1] די וואס ענדיגען, מאכען צירעכט די ארבייט נאכדעם ווי זי געהעט ארויס פונ'ם אפרייטאר. [2] אבגעשטעלט זיך. [3] בעל־הבית. [4] א בחור.
[5] אבזאגען.

געזאָגט האָט ער דאָס שטילערהייט, אַז קיינער פֿון אונז זאָל ניט הערן. נאָר מיר האָבן דערהאָרכט...

איצטער האָב איך שוין פֿאַרשטאַנען, וואָס די הודושעריי איז געווען אין שאַפּ. דער באָס איז אַוועק און דער אָפּרייטער איז געבליבן אַרבייטן אויף לייבקעס מאַשין. און אַלע ווינקעלעך האָט זיך געהערט אַ מורמעל: „פּאַרטעל“... „פּאַרטעל“. און יעדער האָט אויסגערעדט דאָס וואָרט „פּאַרטעל“ מיט אַזאַ האַס, מיט אַזאַ בייזקייט און אומעט, אַז ס'איז געווען שרעקליך. איך האָב לכתחילה ניט געוואוסט: וואָס איז דאָס אַזוינס „פּאַרטעל“, נאָר איך האָב זיך שוין אָנגעשטויסן. „פּאַרטעל“ איז, אַז מען געפֿינט עפּעס אַ נייעס אין דער אַרבייט, אַז מ'זאָל דאַרפֿן האָבן ווייניגער „הענד“...

מילא, קיין האָניג האָט שוין דער אָפּרייטעריל, דער „פּאַרטעל-מאַכער“ מעלט איך, פֿון אונז ניט געלעקט. ערשטענס האָט קיינער מיט אים ניט גערעדט. און אַז די פֿינישערס און פֿינישערינס האָבן אים געדאַרפֿט געבן זייערע אַרבייט האָט מען אים געוואָרפֿן אין פּנים. עטליכע חברה-לייט פֿון אונזערע האָבן אים אָנגעטאָן שפּיצלעך. כלומרשט ניט מיט אַ כיון געגעבן אים פֿאַרבייגעהענדיג אַ שטופּ מיטן עלענבויגען איבערן פּנים, אַז ער האָט דערזען „קראָקע“. אַן אַנדערער האָט אים געגעבן פּלוצלונג אַ הוסט אין אויער, אַז ער איז אויפגעשפּרונגען און צעבראָכן אַ נאָדל פֿון מאַשין. אַ דריטער האָט אים פּשוט געזאָגט, אַז דאָ וועט קיין „פּאַרטעל“ ניט אָנגיין: מען וועט אים אויסקראַצן אין ליילע-כער, אויב מ'וועט עמיצן מעקן צוליב זיינע נייעסן.

הקיצור מען האָט אים געשטאָכן און געבראָכן און אים אַרט דאָס ווי די וואַנט. אַ הינטישען פּנים האָט ער אָנגעטאָן, סמעקעט און סמעקעט און מאַכט זיין „פּאַרטעל“ און ווי ניט אים מיינט מען. וועט איהר גלויבן, אַז מיר האָבן אויף אים רחמנות געקראָגן. ווי איך בין אַ יוד!

און אָזוינער האָבן מיר געמיינט, אַז מ'וועט העלפֿן פֿון אונז מעקן, וואָרום אַלע פֿינישערס און פֿינישערינס זענען שוין גע-זעסן ליידיג אַ גאַנצן טאָג. וואָס צוואַנציג האָבן געמאַכט מיט די הענד, האָט ער איינער אַליין צוזעמפּט אויף דער מאַשינדעל.

נו, האָבן מיר געקלערט: וועלן מיר היינט האָבן די מפּלה, וועט ער שוין אויך קיין טרוקענער ניט אַרויס. אָבער איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז געשעהן: מ'האָט אַלעמען געהייסן קומען אויף מאָרגען ווידער. דער באָס האָט גאָר ניט גערעדט. נאָר אַ ביטערער, אַ בייזער שמייכעלע האָט געשטאַנען אויף זיינע גראָבע רויטע לי-

פֿען. דאָס שמײכעל האָט אונז געשענקט װי מיט מעסערס.. אָבער מיר האָבן פֿערביסן די ליפּען און געמאַכט אַ שװײַג. איהר װעט גלױבען? אַז מיר האָבען דערהערט די װערטער: „קומט מאָרגען אַלע". איז אונז אָבגעגאַנגען דאָס האַרץ. „אַ דאגה — מאַכט איין פֿינישערין, — זאָל זײַן אַ פֿאָרטעל; װאָס אַרט דאָס אונז? נאָך בעסער! װעלען מיר דאַרפֿען װעניגער אַרבײַטען. און פֿאַר'ן באָס װעט זײַן גענוג װאָס די אַרבײַט איז פֿון מאַשין געהט אַרױס בעסער, גלאַט. „אין אמת, — רופֿט זיך אָב אַן אַנדערער, — „װענען די באָבעס גאָר ניט אַזױ שלעכט; איהר מײנט, אַז מ'איז אַ באָס, דאַרף מען שױן האָבען אַ האַרץ פֿון אַ טאַטער?"

אַ דריטער האָט אַפֿילו געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג, אַז מ'זאָל בעסער געהן מיט דעם נײַעם אַפּרײַטאָריל, מיט דעם „פֿאָרטעל-מאַכער", מיט גוטען. לאָמיר איהם אַרײַנרופֿען, מאַכט ער, אין אַ שענק און מכבד זײַן איהם מיט אַ װאַרמעס; האָב איהם אַ שװאַרץ יאָהר, זאָל אונזערע איבערגעהן...

נאָר דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט אײנער אַ פֿינישער, אַ סאָציאַליסטעל, און געמאַכט פֿון אונז אַ דרײַעקעדיגען קאַפּעלוש. האָבען מיר זיך פֿערשעמט און זענען צוגאַנגען זיך אַ היים עפּעס אַזױ װי מיט גולם'שע צורות.

אױף מאָרגען זענען מיר געקומען אין שאַפּ פֿריהער פֿון אַלע מאָל. אַזױ װי מיר װאָלטען זיך צונױפֿגערעדט. מיר זענען כלומרשט געװען אױפֿגעראַמט, װאָרום קײנער האָט ניט געװאָלט אַרױסגעבען פֿאַר דעם אַנדערען װאָס אינעװײניג האָט איהם גע-קראַצט... אָבער דער פּנים איז אַ מוסר. אױף יעדערענס פּנים איז געלעגען עפּעס אַ שרעק, אַ ציטערנעס... אָט, אָט סעקט מען דיך!..

דער „פֿאָרטעל-מאַכער" האָט זיך געטון זײַנס. ער האָט צוגענומען בײַ די פֿינישער די אַרבײַט און געטשעפּעט אױף דער מאַשינדעל. מיר האָבען איהם מעהר ניט געטשעפּעט: פֿאַסט איהם די קלאָג! אַגב האָבען מיר אױף איהם רחמנות געקראָגען; בײַ אַנ'אַרבײַטער איז אַ קעציטשער זכרון. אָט איז ער מלא חמה און אָט געהט איהם אָב דאָס האַרץ, איז ער אַזױ װי אַ קינד. האָבען מיר איהם מעהר ניט געטשעפּעט. אַנדערע האָבען נאָך, פֿערקעהרט, געװאָלט צורוקען זיך צו איהם, צוהנפּענען זיך און „זאַבענטשען" איהם מיט אַ גוט װאָרט. נאָר מ'האָט מורא געהאַט פֿאַר'ן סאָציאַליסטעל.

הקיצור, אין אָװענד האָט מען געגעבען װײַדזשעס[6]. דער

---

[6]) שבירות

באַס האָט ווייטער געהייסען קומען, אָבער אויף זיינע רויטע, גראָבע ליפּען איז שוין מעהר ניט געלעגען קיין שמייכעלע, נאָר אַ פּשוטע בייזקייט. ער האָט געמאַכט אַ קרומע מינע און האָט מעהר גאָר ניט גערעדט. אָבער מיר האָבען אַלע גוט פאַרשטאַנען דעם טייטש פון דער מינעלע. „דאַרמאָיעדעס!“ איז געלעגען אין דער מינעלע. „איהר אַרבייט ניט און פרעסט אומזיסט“.

אויף מאָרגען זענען מיר געקומען גאָר אינגאַנצען דערשלאָגענע. מיר האָבען ניט געהאַט קיין מוט אַ לאַך צו טהון, אַ זונג צו טהון ווי פריהער, און זענען אומגעגאַנגען אַזוי ווי בעגראָבענע. אַזוי איז געגאַנגען עטליכע טעג ביז שבת. זונטאָג האָט זיך אָנגעהויבען די החונה. דער באַס איז אַריין אין שאַפּ, האָט געמאַכט אַ רחמנות פּנים'ל און האָט גענומען סעקען ביסלעכווייז: זונטאָג — פינף, און מאָנטאָג ווייטער פינף, און דינסטאָג איז ער שוין געוואָרען הייסטער, ער האָט געזעהן, אַז קיינער רעדט ניט קיין וואָרט, האָט ער געזעקט צעהן מיט אַמאָל, און אויף מאָרגען ווייטער צעהן...

אָט אַזוי איז געבליבען אַ האַלבער שאַפּ און די וואָס זענען געבליבען זענען געווען דערשלאָגענע, וואָרום איטליכער האָט געפיהלט, אַז מאָרגען, איבערמאָרגען וועט אָנקומען דער גורל צו איהם.

דער סאָציאַליסטעל איז געווען, פאַרשטעהט זיך, די ערשטע כפּרה, דערנאָך איז אָנגעקומען צו מיר.

וואָכענלאַנג האָבען מיר זיך אַרומגעוואַלגערט אַזוי, שלעפּענדיג זיך איבער די גאַסען און זוכענדיג אַ רושאַב [7]. איך האָב אין אַ פּאָר חדשים אַרום געקראָגען אַ שאַפּ. די איבעריגע ווייס איך ניט וואָס מיט זיי איז געוואָרען. איך קום אַריין אין שאַפּ, איך זעץ זיך ביי דער מאַשין, ערשט ביי דער אַנדער זייט אין ווינקעל זיצט דער סאָציאַליסטעל! ליכטיג איז מיר געוואָרען אין די אויגען, אַזוי ווי איך וואָלט דערזעהען אַן אייגענעם ברודער. איך האָב זיך מיט איהם פאַנאַנדערגערעדט וועגען יענעם שאַפּ, וואו מיר האָבען פריהער געאַרבייט, האָט ער מיר דערצעהלט, אַז דער „פאָרטעל־מאַכער“ אַרבייט שוין דאָרט מעהר ניט. וואָרום דער באַס האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז דער גאַנצער „פאָרטעל“, איז ניט קיין גרויסער קונץ און אַ פּראָסטער אַפּרייטאָר קען זיך צולערנען און מאַכען די זעלבע זאַך פאַר העלפט געלד. האָט ער גענומען און געזעקט דעם „פאָרטעל־מאַכער“.

---

7) א פלאַץ צו ארבייטען

איצט גערעט ער אים פון שאפ צו שאפ מיט זיין „פארטעל" און מאכט אן אומעטום אועלכע צרות און הורבנות. שטויסט ארויס א האלבען שאפ ארבייטער און „סוף גנב לתליה"! דער נאך סעקט מען אידם אליין.

הקיצור, מיר ארבייטען און די הארץ ציטערט אינז: אט גערעט ער, אט קומט ער! דאכט זיך אונז אלע ווייל, נאר עס איז אוועק עטליכע וואכען, נישקשה, — קיינער ניטא. האבען מיר שוין געמיינט, אז ער איז ערגעץ בעגראבען געווארען, אוועק אין כף הקלע. ערשט, וואס מיינט איהר? איך קום אין א פריה-מארגען אין שאפ, איך מיט'ן סאציאליסטעל, פינסטער איז אונז געווארען אין די אויגען... ער איז דא! דער פארטעל-מאכער! פונקט אזוי ווי דארטען! שפאצירט ארום מיט'ן באס איבער'ן שאפ, שושקעט זיך מיט אידם, מעסט די ארבייטער פון אויבען ביז אראב און שמייכעלט אונטער, און דער באס שמייכעלט אונטער. דער נאך האט ער זיך געזעצט ביי א מאשינדעלע און האט זיך גענומען שטעפען... פונקט אזוי ווי דארטען...

דא האב איך שוין נישט געקענט אויסהאלטען... האב איך אנגעהויבען צו מאכען א טומעל, איך מיט'ן סאציאליסטעל, און גערעט אונטער צו אידם און זאג: „הער דו, דא וועלען דיינע פארטעלס ניט אנגעהן, דא איז ניט אזא שאפ; גערעסטו אוועק, איז רעכט, אז ניט וועט מען דיר צוקוועטשען דעם קאפ".

האט ער זיך דערשראקען, און איז אוועק צום באס און אנגעמסר'ט; האט מען אונז ביידען געסעקט: מיך מיט'ן סאציאליסטעל. און דער שאפ האט עטליכע טעג געטומעלט און געזשודערט און — דערביי איז געבליבען.

פון דאמאלסט אן גערעט דאס אזוי כסדר. וואוהין מיר קומען, ער נאך אונז, מאכט אן הרבונות, שטופט ארויס א האלבען שאפ, דער נאך גיט מען אידם האלז און נאקען. מיר קריגען א שאפ, גערעט ניט אוועק עטליכע וואכען! ברוך הבא — דער „פארטעל-מאכער" איז דא!...

איצט ארבייטען מיר אין א נייעם שאפ, איך מיט'ן סאציאליסטעל; שוין זעקס וואכען. קענען מיר זיך ניט אבוואונדערען: וואס איז דאס פאר א מעשה? וואס ער איז ניטא? אבער מיר זענען זיכער, אז ער וועט געוויס קומען און האלטען אין איין ציטערן. ווי נאר עס עפענט זיך די טיהר דערשרעקען מיר זיך, אונז דאכט זיך, אז אט גערעט ער, אט קומט ער... דער „פארטעל-מאכער"...

PROGRESSIVE LIBRARY
FEDERATION
Reorganized Dec. 1908.
TRENTON, N. J.

פֿאַר וואָס?..

די קאַר[1]) איז געלאָפֿען האַסטיג, ווערשנעלערדיג א טריט נאָך א טריט און אָפֿט אָבשטעלענדיג זיך אויף יעדען בלאָק[2]) בלויז אַן אויגענבליק און אָפֿט איבערהיפּענדיג א צוויי-דריי בלאָק.

דאָך, צוקומענדיג נעהענטער צום דאַון-טאַון[3]), איז געוואָרען אונבעמערקט אַן ענדערונג אין דער בעוועגונג פֿון דער קאַר, אין דעם הומאָר פֿון דער פּיק-ניק[4])-קאָמפּאַניע. די קאַר האָט זיך אָנגעהויבען צו בעוועגען לאַנגזאַמער, אָפֿטער אָבשטעלען זיך און צואָבלאָזען מענשען און אַרויפֿנעהמען אַנדערע. די לופֿט איז געוואָרען שטילער און געדיכטער; אין קאַר איז דער פֿרעהליכער טומעל ביסלעכווייז פֿערשטומט געוואָרען. די ציגענע קאָמפּאַניע איז אַלץ שטילער און שטילער געוואָרען, ביז עס זענען געבליבען איינגאַנצען א דריי, און פֿון דיזע דריי זענען אויך באַלד אַראָב צוויי. און אין קאַר איז פֿון דער גאַנצער קאָמפּאַניע מעהר ניט געבליבען ווי איינע, ווי זי אַליין.

און אַז זי איז געבליבען אַליין, האָט זי זיך געפֿיהלט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אויסגעטשוכעט עפּעס פֿון א טשאַד, זי האָט געוואָלט יעצט קומען צו-זיך און קלערען וועגען עפּעס. יע, זי האָט טאַקע געהאַט א זאַך וועגען וואָס צו קלערען, עפּעס א פֿראַגע, זעהר אַן אינטערעסאַנטע, פֿון א דעבאַטע, וואָס זי האָט געפֿיהרט אין פּאַרק מיט א פּאָר גענאָסען.

ווי זי האָט געקלערט אַזוי און געוואָלט זיך דערמאָנען די פֿראַגע, וואָס איז געבליבען ניט פֿערענטפֿערט אויף דער דעבאַטע, האָט זיך דערווייל די קאַר אָבגעשטעלט אויף א ראָג און אַראָבגעלאָזען דעם גאַנצען עולם. זי איז געבליבען גאָר אַליין אין דער גאַנצער קאַר און האָט גענומען שטאַרק זוכען

---

[1]) א טראַמוויי. [2]) קוואַרטאַל. [3]) אַזוי הייסט דער אונטערטייל שטאָדט אין ניו-יאָרק, וואו עס וואוינען מעהרסטענס די אידישע גרינע און אַרבייטער. [4]) אַן אויספֿאָהר אין א פּאַרק צום פֿערגניגען.

אין זכרון יענע פֿראַגע, נאָר ווי זי האָט זי געפֿונען, אַזוי האָט זיך די קאַר אָבגעשטעלט ווידער אויף אַ האַגי און האָט אַרויפֿגענומען אַ נײַע מענגע מענשען; דיזעס מאָל זענען עס געווען קריסטען און האָבען פֿערנומען אַלע בענק אויף דער קאַר. די קריסטען האָבען זיך צוזעצט סאָליד און רוהיג, און אַזוי איז מען געפֿאָהרען ווײַטער. די קאַר איז ווידער געפֿאָהרען אַ פּאָר בלאָק, ניט אַרויפֿנעהמענדיג קיינעם. די פּאַסאַזשירען זענען געזעסען אין דער זעלבער אָנגעקראָכמעלטער רוהיגקײַט, יעדער פֿאַר זיך, און זי האָט זיך שוין אָבגעגעבען איהרע געדאַנקען וועגען דער פֿראַגע פֿון דער דעבאַטע, ניט קימערנדיג זיך וועגען קיינעם. פּלוצלונג האָט זיך די קאַר אָבגעשטעלט און אַרויפֿגענומען נאָך עטליכע מענשען. פֿון די עטליכע מענשען איז געוואָרען אַזאַ טומעל אין קאַר, אַזוי ווי עס וואָלטען אַרויף ווער ווייסט וויפֿיעל פּאַסאַזשירען. זי האָט זיך ניט ווילענדיג אָבגעקעהרט און אַ קוק געטאָן אויף די נײַ־אָנגעקומענע. דאָס זענען געווען אַ פֿאַמיליע: מאַן און ווײַב און עטליכע קליינוואַרג — הפּנים דײַטשען־אַרבײַטער. זיי האָבען אויסגעזעהן יום־טוב׳דיג און זענען אַרײַן אין קאַר אַזוי היימיש, ווי זיי וואָלטען אַרײַן צו זיך אין הויז. דאָס פּאָר־פֿאָלק האָט זיך צוזעצט; פֿאַר די קליינוואַרג איז אָבער קיין פּלאַץ ניט געווען. האָט מען זיי צושטעלט אין צווישען אַבי וואו. צווישען טאַטע־מאַמע, אויף די טאַטע־מאַמעס קניע, הינטער׳ן פּלייצע, נעבען פֿענסטער. די קליינע חבֿרה האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען פּלאַץ און האָט זיך גענומען אַרבײַטען אויף איהר שטײגער. זיי האָבען גענומען שטיפֿען און קעהרען די וועלט. פֿאַר׳ן טאַטען האָבען זיי, אַ פּנים, דרך ארץ געהאַט, האָבען זיי איהם ניט געשטשעפּעט. דערפֿאַר האָבען זיי געגעבען דער וועלט צו זעהן דער מאַמען: זיי האָבען איהר געקושט און געהאַלזט און געוואָרפֿען איהרע האָהר. און געקיצעלט איהר אין האַלז און געהאַמטשעט און געבאָלבעט אויף זייער לשון אָהן אויפֿהער. בעזונדערס האָט איהר ניט געלאָזט לעבען דער קלענסטער — אַ באָטשיק[4] פֿון אַ יאָהר פֿיער. די קאַר האָט געקלונגען מיט קינדערשען געלעכטער און שטיפֿערײַ. די מוטער האָט זיך אויך זיי ניט געבייזערט, זי פֿלעגט נאָר אַלע ווײַלע אָבקערען דעם קאָפּ דאָ אין דער, דאָ אין יענער זײַט, ווי מ׳קערט אָב דעם קאָפּ פֿון אַ פֿליג. וואָס דערעסט. זי האָט עס אָבער געטאָן אויף צופֿלײַסען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך שעמען פֿאַר דעם עולם, ווארום אַלעמענס

[4]) אַ יונג׳ל.

בליקען אין קאַר זענען געווען אָנגעשטעלט אויף איהר. ניט נאָר ער האָט קיינעם ניט פֿערדראָסען פֿון די פּאַסאַזשירען, נאָר יעדער איינער, פֿערקערט, האָט געשיינט אָנגעשטעקט פֿון די קינדערשע שמייכעלע, קוקענדיג מיט שטאַרקער צופֿריעדענהייט אויף דיזער גליקליכער פֿאַמיליענס־סצענע. דער סאָלידער פּאַפּאַ האָט פֿערלאָרען זיין ערנסט און האָט געקוקט מיט גליקליכע אויגען דאָ אויף די קליינוואַרג, דאָ אויף דער פֿרוי.

נאָר איינע איז געווען אין קאַר ניט צופֿריעדען, — זי. זי איז געווען ביז פֿאַר'ן טומעל, וואָס האָט איהר ניט געלאָזען פֿערענטפֿערען די פֿראַגע פֿון דער דעבאַטע. זי האָט די גאַנצע צייט מיט אַ כּוון ניט אַ קוק געטאָן אין יענעם ווינקעל. נאָר, ענדליך, האָט זי מיט אַ בייזער פֿערדריסליכקייט נאָך אַמאָל אַ וואָרף געטאָן אַן אויג אַהין און איז אויך געבליבען ווי פֿערכּישוף'ט, ווי צוגעשמידט צו יענעם פּלאַץ. אַזעלכע גליקליכע געזיכטער האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזעהן. די טאַטע־מאַמע האָבען געשטראַהלט מיט שטילער אינערליכער פֿרייד. זיי האָבען אויסגעזעהן בּיי אַ יאָהר דרייסיג, אין איהרע יאָהרען, אָבער פֿריש און רויט און פֿול מיט לעבענסלוסט. די קליינוואַרג זענען בעשטאַנען פֿון צוויי באַיטשיקעס מיט צוויי מיידעלעך אין דעם עלטער פֿון דריי ביז זיעבען יאָהר. זייערע געזיכטער זענען געווען בעצויבערנד שעהן, געראָטען אין די עלטערן. און געשפּריצט מיט בלוט, מיט פֿרישקייט, מיט לעבען.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די איבריגע פּאַסאַזשירען אין קאַר און האָט דערזעהן, ווי אַלעמענס פּנים'ער שיינען מיט גליק, אַזוי ווי אין זיי וואָלט אָפּגעשטראַהלט די פֿרייד פֿון דיזער גליקליכער יונגער אַרבייטער־פֿאַמיליע, וועלכע איז געווען דער מיטעלפּונקט פֿון אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט, די העלדען פֿון דער קאַר. אַפֿילו דער כמאַרנער, גלייכגילטיגער קאָנדוקטאָר האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פֿון אַ צופֿריעדענעם שמייכעל.

זי האָט דאָס אַלעס אָנגעקוקט זאָנדערבאַר, בייז, און ביי איהר אין האַרצען, מיעף אין אַ ווינקעל, האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען אַ געפֿיהל פֿון קנאה, וועלכער האָט געוואַקסען פֿון מינוט צו מינוט. זי האָט זיי געהאַסט, די מענשען; צום ערשטען מאָל האָט זי געהאַסט מענשען.

פֿאַר וואָס?

דאָס האָט זי זיך אַליין ניט געקאָנט אָבגעבען קיין רעכענונג

מיט ווערטער. אָבער איהר האַרץ, וועלכעס איז געווען דורכגעגעסען פון בייזער, גיפטיגער קנאה, האָט געוואוסט: פאַר וואָס?

אומזיסט האָט זי זיך אָבגעקערט און פערגראָבען דעם קאָפּ אין אַ ווינקעל. איהר האַרץ האָט געבושעוועט און איז געווען ווילד פון האַס. זי האָט ניט געקענט זיצען דאָ מיט זיי צוזאַמען. איהר האָט געשטיקט פון בייזקייט, פון כעס. זי האָט געהייסען דעם קאָנדוקטאָר אָבשטעלען די קאַר און איז מיט אימפּעט, ווי אַ מענש, וואָס ראַטעוועט זיך פון אַ שרפה, אַראָבגעשפּרונגען.

פאַר וואָס?

זי האָט ניט געזוכט קיין ענטפער אויף דיזער פראַגע. די קאַר איז פון איהר אַנטלאָפען מיט יענע העסליכע מענשען, נאָר איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי שטעהט אויף איין אָרט, אָט געהט זי צוריק, לויפט איהר נאָך. און זי האָט זיך גענומען לויפען; וואוהין? האָט זי ניט געוואוסט.

און אין איהר האַרצען, דאָרטען אינוועניג, טיעף, האָט גענומען וואַקסען עפּעס אַ נייעס, אייגענטליך אַן אַלטעס, נאָר אַ ניי־איפגעלעבטעס געפיהל, אַ שמערצליכעס געפיהל, וואָס האָט פערנומען אַלע ווינקעלעך פון איהר נשמה און געטאָטשעט און געשניטען און געעדערט, ווי צעהן שלאַנגען וואָלטען דאָרט געמאַכט אַ נעסט אין איהר ברוסט.

זי איז געלאָפען, און זכרונות, לאַנג פערגעסענע זכרונות, האָבען אָנגעהויבען צו טראָגען זיך פאַר איהר.

זי איז געווען אַ יתומה אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען — און האָט זיך געוואַלגערט דאָ ביי אַ מוהמען, דאָ ביי אַ פעטער. ענדליך איז מאוס געוואָרען צו האַלטען איהר און מ'האָט איהר אָבגעגעבען אין דער געווערב־שולע פאַר מיידלעך. דאָרטען איז זי אָבגעווען עטליכע יאָהר, האָט זיך אויסגעלערנט אַ ביסעל נייהען וועש און אָנגעקומען אין אַ מאַסטערסקאַיע. זי איז געווען אַ שען מיידעל, אַ בלאַסע, אַ מאָגערע, אָבער פול מיט חן. אַזוי האָבען איהר געזאָגט די קריסטליכע יונגע פּריצים און אידישע בחורים — איהר בעל־הבית'טעס קונדען. אַפילו די מיידלעך פון מאַסטערסקאַיע — איהרע הבר'טעס אַליין. ניט איין ראָמאַן האָט זי געפיהרט דאַמאָלסט אין מיט אַזוינע בחורים, אַז פילע מיידלעך פון איהר שטאַט האָבען איהר מקנא געווען. מיט רייכע און געבילדעטע בחורים האָט זי געפיהרט ליעבעס.

פיעל געזונד האָבען איהר געקאָסט יענע „ראָמאַנען", פון קינדהייט אָן האָט איהר האַרץ געדורשט נאָך ליעבע, נאָך אַ צערט־

ליִך וואָרט, וואָס זי האָט קײנמאָל ניט געהערט. אין די שטילע נעכט פלעגט זי טרוימען וועגען אַ טאַטען און אַ מאַמען, וואָס לאַכטשען איהר, גלעטען איהר פּאַר'ן בעקיל, זאָגען איהר: מײַן טאָכטער, וואָס ביזטו אַזוי חושך? עס עפּעס, זאָרג ניט, ניִשט קשה, דיר וועט זײַן גוט...

אַז זי איז עלטער געוואָרען, האָט זיך ענטוויקעלט אין אַ מײדעל פון זעכצעהן, זיעבצעהן יאָהר, האָט זי בעקומען אַנדערע חלומות. אין דיזע נײַע חלומות האָט ער פערנומען אַ וויכטיגען פּלאַץ, נאָר דערהויפּט זײ, די קינדער, די קלײנע יאַטלעך. ליעב האָט זי זײ געהאַט מורא'דיג; פלעגט זײ קושען און האַלזען און האַלובען; האַלטען זײ אויפ'ן לאַדאָן, זינגען זײ, טאַנצען מיט זײ, שפּרינגען מיט זײ „כורבאַראַן". מעהר אַרבײַט זי ניט אין מאַסטערסקאַיע, נאָר זי פּאַדעט רק אַרום זײ, אַרום די קלײנוואַרג, וואַשט זײ, באָדט זײ, נעהט און פּרעסט און האַוועט תמיד אַרום זײ, און איהר האַרץ איז פול, פול מיט וואַרימקײַט, צערטליכקײַט און זיסקײַט.

און ער, זײַן געשטאַלט האָט איך פערנומען איהר פּאָדשטעלונג אין דער פּערזאָן פון אַ יונגען, עהרליכען, שטאַרקען אַרבײַטער, וועלכער אַרבײַט אַ גאַנצען טאָג, קומט אַהײם אין אָבענד און דערצעהלט איהר אַלעס, וואָס האָט פּאַסירט אין שטאָדט, אין גאַס, אין דער וועלט, און זי דערצעהלט איהם די חכמות פון די קינדער, זײער געראָטענקײַט, און בײדע קוועלען און שפּיעלען זיך מיט זײ, מיט די קלײנוואַרג, און קלײַבען אָן נחת.

אײנפאַך און זיס זענען געוועזען איהרע חלומות. די ווירקליכקײַט איז געוועזען ניט אַזוי אײנפאַך, אָבער נאָך זיסער און שענער. אין איהר האָבען זיך געליעבט רײַכע בעלי־בתּ'ישע בחורים, געבילדעטע, וועלכע האָבען איהר געקענט אָבמאָלען זײער ליעבע מיט די שענסטע פּאָעטישע קאָלירען. מ'האָט איהר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, און זי האָט זײ געגלויבט. איהרע חבר'טעס האָבען איהר מקנא געוועזען. נאָר טײַער האָט זי בעצאָהלט. ניט מיט איהר עהרע -- איהר עהרע האָט זי געהאַט געגוג שטאָלץ און קראַפט צו פערהיטען אונבלאַמירט, -- נאָר זי האָט בעצאָהלט מיט איהר האַרץ, מיט איהר שענסטער און בעסטער יוגענד. איהר האַרץ האָט געהאַלטען אין אײן ברענען און איז צובּרענט געוואָרען פון ליעבע און בענקען. זי איז געוועזען צו רײן און אונשולדיג צו דענקען, אַז זי איז געוועזען ניט מעהר ווי אַ שפּיעלצײַג בײַ פּוסט און פּאַסנע צובאַלעוועטע מאַמענ'ס בענגאַ'קעס, וועלכע האָבען זיך ווענינג געקימערט וועגען די יסורים פון איהר נשמה. איהר לעבען איז יאָהרענלאַנג געווען

א קאמפף פון ליעבע און האס. זי האבען איהר אויך האסען אויסגעלערנט, אבער אויפהערען ליעבען און גלויבען האט זי ניט געקענט...

און אזוי איז אוועק א יאהר פאר א יאהר, און אזוי איז אוועק איהר שענסטע און בעסטע יוגענד אין שטילען ברענען און קלעמען, ביז זי האט מיט א שרעקליכען געפיהל דערהערט אמאל הינטער'ן זאנד די גרויזאמע ווערטער: זי איז שוין ניט קיין יונגע מיידעל...

דאס איז געווען וועגען איהר...

א יאהר זעקס און צוואנציג איז זי דאמאלסט אלט געווען, און דאן איז איהר צום ערשטען מאל אויסגעקומען בעקאנט צו ווערען מיט דער בעוועגונג. זי האט זיך אריינגעווארפען אין שטראם מיט איהר גאנצער בעליידיגטער נשמה, מיט דעם גאנצען רעשט פון דעם פייער, וואס איז נאך איבערגעבליבען אין איהר הארצען, און זי האט באלד פערנומען איינעם פון די וויכטיגסטע פלעצער. אין דעם רעש פונ'ם קאמפף האט זי פערגעסען איהרע אייגענע יסורים און אמאליגע שענע חלומות. וואס ווייטער זי איז אריין אין קאמפף, אלץ ווייטער איז זי געווען פון יענע חלומות. איהר הארץ האט זיך בערוהיגט, איהר גייסט האט געקראגען נייע ארבייט און איז געווען צופריעדען פון דיזער ארבייט. אין א פאר יאהר האט זי זיך פיין ענטוויקעלט גייסטיג, איז געזעסען א יאהר אין טורמע, האט געדארפט געהן אויף פינף יאהר אין סיביר, און מיט א טאג פריהער, בעפאר זי האט בעקומען איהר פסק, איז זי אוועק אין אמעריקא.

דא האט זי זיך אפגעגעבען דער ארבייט מיט דער זעלבער היציגקייט און ענערגיע, ווי אין דער היים. האט ארגאניזירט יוניאנס און פעראיינען; האט געספיטשט (געהאלטען רעדעס) אויף מיטינגען, לעקטשורעס, באלס און פיק-ניקעס, האט וועגען זיך שוין לאנג פערגעסען צו קלערען, און ווען ביי איהר זענען געווען וויכטיגע פראגען אין לעבען, זענען דאס געווען פראגען פון דער סאציאליסטישער פראגראם און פון סאציאליסטישע דעבאטען.

און אזוי זענען אוועק א יאהר נאך א יאהר. זי האט זיך וועגען דעם ניט געקימערט. זי האט געוואוסט צוויי זאכען, אז ביי טאג דארף זי ארבייטען אין שאפ און ביינאכט האט זי נאך מעהר ארבייט אויף די מיטינגען.

ערשט דא, היינט אין קאר, נאכ'ן פיק-ניק, האט זי גאנץ צופעליג דערזעהן אזוינס, וואס האט מיט אמאל צושלאגען דעם גאנצען טומעל, וועלכער האט פערטויבט איהר הארץ, פערשלאגען,

פֿערדריקט איהרע געפֿיהלען, איהרע אייגענע פּערזענליכע געפֿיהלען. אין איהר האָט איבערגעניס ערוואַכט יענע שענע, הנ'עוודיגע מיידעל פֿון זיעבצעהן יאָהר מיט די שענע חלומות פֿון שעניגקע, פֿוליגקע קינדערלעך מיט רויטינקע הענדטעלעך, וואָס נעהמען איהר אַרום שטייף, שטייף און שפּיעלען זיך מיט איהר און מיט איהם, און זי קוקט איהם אין די אויגען, און ער קוקט איהר אין די אויגען, און זי גלעט זיי, האַלובעט זיי, קושט זיי, און זייערע ביידענס טאַטע־מאַמעס אויגען שטראַהלען מיט צופֿריעדענהייט, מיט גליק...

דאָס האָט אַלעס ערוואַכט, אָבער ניט מיט דער זיסער ענטציקונג פֿון יענע בליהענדע יאָהרען, נאָר מיט אַ ברענענדען געפֿיהל פֿון קנאה און ביטערקייט. יענע שענע חלומות זענען געוואָרען אַ ווירקליכקייט, אָבער ניט ביי איהר, נאָר ביי זיי...

זי איז געלאָפֿען האַסטיג, אַזוי ווי זי וואָלט וועלען אָבטשעפּען זיך פֿון דיזע שרעקליכע זיס־ביטערע ערינערונגען, ענטלויפֿען פֿון יענער סצענע אין קאַר, וועלכע איז איהר געשטאַנען פֿאַר די אויגען, געלאָפֿען דאָ גלייך מיט איהר, דאָ פֿערלאָפֿען פֿריהער פֿאַר איהר... אָבער אומזיסט! זי האָט זיך יעצט ניט געקענט פֿערדרוקען און פֿערטומלען. איהר האַרץ האָט ערוואַכט, ערוואַכט און פּראָטעסטירט!..

און זי האָט יעצט זיך דערוואוסט, אַז איהר לעבען, אָט די אַלע יאָהרען, איז ניט געוועזען קיין לעבען. עס האָבען געלעבט איהרע פֿיס, איהרע הענד, איהר מויל, איהר מח, אָבער איהר האַרץ, איהר נשמה איז געוועזען טויט... טויט. ניט אויס ריינער ליעבע צו די מענשען האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אין שטראָם פֿון דער בעוועגונג, נאָר אויס אונבעוואוסטען האַס און ראַכע צו יענע מענשען, וואָס האָבען בעליידיגט איהר האַרץ, איהרע הייליגסטע געפֿיהלען, וועלכע זענען ביי זיי געוועזען אַ שפּיעלכעל. דאָס אַליין איז ניט לעבען — ניין! ניין!... האָט אין איהר געשטורמט און פּראָטעסטירט... קיין אידעאַל קען ניט פֿערבייטען די פּראָסטע, נאַטירליכע בעדערפֿניש, צו בעפֿריעדיגען דאָס האַרץ... נאָר ביידע זאַכען צוזאַמען איז לעבען. נאָר ביידע אידעאַלען צוזאַמען קענען בעפֿריעדיגען די נשמה. דער מענש קען נור דאַן אֶמת און ריין ליעבען די געזעלשאַפֿט, ווען ער האָט אין איהר, אין דער געזעלשאַפֿט, האָטש איין מענשען, צו וועלכען זיין האַרץ איז צוגעבונדען און וועמען ער אַליין איז טייער, טייער, ווי אַ מענש, ווי אַ פֿריינד...

זי האָט געפֿיהלט, אַז דיזער געדאַנק איז ניט קלאָר. זי האָט אַמאָל וועגען דעם געלעזען: ניט ברויט אַליין איז דער צוועק פֿון

דעם גרויסען קאמפף: נאר פרייהייט און גערעכטיגקייט פאר אלע אונטערדריקטע און באלייַדיגטע — פאר אלע עלענדע און ליידענדע...

אבער זי איז יעצט ניט געווען אימשטאנדע זיך אריינצולאזען אין טיפע געדאנקען, זי האט נאר געוואוסט יעצט איין זאך, אז איהר הארץ בונטעוועט זיך, אז זי וויל לעבען, לעבען אזוי ווי זיי...

זי האט זיך ניט ארומגעזעהן, ווי זי איז שוין געווען אין איהר קאמעריל איפ'ן זיבעטען שטאק אין מאנראָע סטריט. עלענדער און וויסטער ווי אימער האט איהר יעצט אויסגעקוקט איהר איינזאמע קאמער. זי האט אראבגעווארפען בלויז דעם הוט און דעם דושעקעט[5] און האט זיך א ווארף געטאן אין בעט און געוויינט אין קיסען מיט א פערשטיקטען, היסטערישען כליפען. איהר הארץ האט געשטירמט און פראטעסטירט... פאר וואס קומט דאס זיי?... פאר וואס האט זי פערשפיעלט איהר לעבען, איהר פערזענליכעם לעבען?... מיט וואס איז זי ערגער פון זיי?...

מאכטלאז איז זי געלעגען אין קיסען; דאס כליפען האט איהר געשטיקט און טרערען האבען זיך געגאסען, געגאסען, ניט ערלייכטערנדיג איהרע שמערצען, נאר ארויפלעגענדיג אלץ שווערערע און שווערערע שטיינער אויף איהר הארץ, וועלכעס האט פראטעסטירט און געשריען:

פאר וואס?!... פאר וואס?!...

---

[5]) קאפטע.

און איהר האָט שטאַרק פֿערדראָסען.

דער אַלטער רעוורענד ברוך שעפּטעלעוויטש איז געלעגען בײַ זיך אין הויז אויסגעצויגען אויפֿ'ן לאָנטש[1] און האָט געקלערט.

וואָס האָט ער געקלערט?

ער האָט געקלערט די וועלט. צײַט האָט ער געהאַט גענוג און אַלעבען האָט ער אויך געמאַכט אַ פֿײַנעם, וואָרום ער האָט געהאַט אַ פֿײַנעם דזשאָב,[2] אָבגעגעסען האָט ער אַ וואַטען דינער,[3] טו וואָס האָט איהם געפֿעהלט? האָט ער געמעגט קלערען.

אָבער כאָטש איהם האָט דאַכט זיך גאָר ניט געפֿעהלט, פֿון דעסטוועגען האָט ער ניט געהאַט קײַן פֿריילכע מחשבות. ער האָט ניט דעם ערשטען מאָל איבערגעקליבען בײַ זיך אין די געדאַנקען זײַן גאַנצע ביאָגראַפֿיע און ניט צום ערשטען מאָל האָט ער אויסגעפֿונען אַז זײַן לעבען בכלל, זינט ער איז אין אַמעריקאַ, האָט געטויגט אויף כפּרות, פֿע...

גוט איז געווען אין דער היים, אָבער יענע צײַט איז שוין לאַנג אַוועק. דער מײַוועל האָט איהם געטראָגען צו לויפֿען אַהערצו. ער וואָלט זיך אפֿשר ווידער צוגעשלאָגען און געלעבט ווי אַ לײַט, און דאָ איז פֿון זײַן גאַנצע הויז געוואָרען אַ תל.

און ווער איז שולדיג אין דעם? זי — די ווײַב, זי האָט אַלעמען צוטריבען, הרוב געמאַכט אַלעמענס לעבען, און איצט איז ער נע ונד.

נאָר זי האָט ניט געוואָלט פֿאָהרען אין אַמעריקאַ. ער האָט „געפֿעלט": אַמעריקאַ! אַמעריקאַ! נו, האָבען זיי נאָכגעגעבען, די ווײַב מיט די קינדער, וואָרום דאַמאָלס איז ער נאָך געווען „מאַן" און „טאַטע", דאַמאָלס איז ער געווען בעל־הבית איבער'ן באַדן, דאַמאָלס האָט מען איהם ניט גערופֿען ברוך, נאָר

---

[1] סאַפּקע. [2] שטעלע. [3] מיטאָג.

באריס גריגאריעוויטש, און ער איז געווען פאני-בראט מיט'ן נאטשאלניק דעפא און האט געשפילט א קערטיל מיט'ן פראקוראר.

צוואנציג יאהר איז ער אבגעוועזן בוכהאלטער אויפ'ן סטאנציע און האט געמאכט א שענעם לעבען. ער האט גענומען 100 רובל א חודש און נאך צוויי מאל אזוי פיעל האט איהם געמאכט. זיי האבען געלעבט ווי די פריצים. מיט דיענסטען, מיט א פיאנא, געגעבען די קינדער אין גימנאזיע. אין הויז פלעגען אריין קריסטען מיט קאקארדעס און שליפּרעס. באריס גריגאריעוויטש איז געווען מיט זיי פאני-בראט.

פלוצלונג איז איבערגעגאנגען די ליבאווער אייזענבאהן, וואו ער האט געדיענט, צו דער קרוין. האט מען צוטריבען אלע אידען. ער האט זיך געלאזט קאסטען א סך געלד, אנגעשטעלט שתדלנות, נאר עס האט ניט געהאלפען; ער האט געמוזט געהן.

ער איז אוועק פון דער שטעלע, פערשטעהט זיך, ניט מיט ליידיגע הענד. ער האט געהאט עטליכע טויזענד רובל. מען האט געקענט פרואוען עפּעס מאכען געשעפט אין דער היים. נאר ער איז זעהר אין כעס געווארען אויף דער „פערפלוכטער" רוסלאנד און בעשלאסען צו פאהרען נאך אמעריקא.

אין אמעריקא האט ער, ווי דער שטייגער איז, גיך צוגעבאקט זיינע פאר סענט אין פערשיעדענע סארטען ביזנעס, צו וועלכע גוטע פריינד פון דער היים אדער קרובים, האבען איהם צוגערעדט. נאר ביז ער האט צוגעבאקט די מזומנים האבען די קינדער שוין צייט געהאט איינצוגרינען זיך, אויסגעלערנט די שפראכע און גענומען פארדיענען. אז ער האט געפטר'ט דאס געלד, האט ער געפרואווט זיך לאזען אין אזוינע ביזנעס, צו וועלכע מען דארף ניט קיין סך אויסלאג. ער האט געפעדעלט מיט שנאפּס, מיט צעטלעך, מיט טיי, מיט וואס איהר ווילט, נאר עס איז ניט געגאנגען. אפשר: ווייל ער האט ניט געקענט אזוי שנארען ווי אנדערע פעדלערס; אפשר איז ער טאקע פשוט געווען צו פויל. ער איז פארט געוועהנט געווען אין דער היים צו לעבען לייכט, בהרחבה און בכבוד'יג. די ווייב און קינדער האבען געזאגט, אז ער פוילט זיך. בכלל איז ער שוין דא אין אמעריקא געווען ניט דאס, וואס אין דער היים, ניט קיין „טאטע", ניט קיין „מאן". מען האט זיך נאכאנאנד געריסען. די קינדער זענען געווען אין שטוב די בעלי בתים, זיי האבען געגעבען אויף דער הוצאה. די ווייב האט געקאכט און געוואשען און געהאלטען

באָרדער[4], איז זי אויך געווען אַ האָהן. זי איז געווען שטענדיג קידער-ווידערדיג. אין דער היים איז זי געווען „מאַמע“, איז געוועז אַ פּריצטע, אַ „פּאַני“ און דאָ האָרעווע אויף אַלעמען און אויף באָרדער אויך.

אין אַלץ און ביי אַלעמען איז ער געווען שולדיג. די קינדער האָבען געוואָלט שפּיעלען דאָ די זעלבע ראָלע וואָס אין דער היים. היינט שפּיעל אַ ראָלע, אַז מען פערנעהמט אינגאַנצען פיער רימקעס. די ווייב האָט נאָך חשק געהאַט צו דיעמענטען און בריליאַנטען און צו לעבען אַ גוטען טאָג, פּונקט ווי אין רוסלאַנד, נאָך מעהר. וואָרום דאָ זעהט זי ווי געוועזענע דיענסטמיידלעך און ווייבלעך וואָס זענען געזעסען אין דער היים מיט ברוצקע אין מאַרק, געהען אויף בעלער „אויסגעספּאַנדושירעט“ אין דזשולערי[5] און טייערע דרעסעס[6] און בלאָזען זיך אַנטקעגען איהר, ווי זיי וואָלטען געווען געבאָרענע גראַפיניעס.

לאָזט זי אויס צו איהם און ער לאָזט אויס צו איהר.

אַט אַזוי איז אַלעמען מיאוס געוואָרען דער לעבען מיט די רייסענים. איז ער אַוועק פון זיי און איז ווידער געקומען און איז ווידער אַוועק. ביז די רייסענים איז מיאוס געוואָרען און מען האָט זיך געגט. די קינדער זענען אַ טייל צופאָהרען, אַ טייל זענען געבליבען מיט איהר; און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזען ווייטער.

ער האָט געפּעדעלט ערגעץ אין קאַנטרי. דאָרטען זענען געווען עטליכע צעהנדליג אידישע פאַמיליען. עס איז אויסגעקומען ימים נוראים צייט. די קליינע אידישע קהילה האָט געדאַרפט האָבען אַ בעל תפלה. דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל, בחורישע, געווען אַ משורר ביי אַ חזן און האָט געהאַט אַ שיינע „כלי“. ער האָט זיך געפּרובט אַ רעד טאָן מיט דעם פּרעזידענט[7] און אַנדערע „העהנער“ פון שול און האָט בעקומען דעם „דזשאָב“ פאַר 25 דאָלאַר. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיין „כלי“ איז נאָך גאָר נישקשה. דאַן איז ער געפאַלען אויף אַ המצאה. „אַ גי-קאַ“, ער וועט אַ פּרוב טאָן אַדווערטייזען[8] אין די פּייפּערס[9] פאַר אַ חזן-דזשאָב ערגעץ אין אַ שטעדטעל. ער האָט פערלאָזען די באָרד אָנגעטאָן אַ לענגערן ראָק און געוואַרט. לאַנג האָט ער ניט געדאַרפט וואַרטען. ער האָט טאַקע געקראָגען אַ שטעלע פון אַ שליח צבור, אין ניו-יאָרק גופא, און איז געוואָרען רעווערענד[10], ער האָט געמאַכט אַ פיינעם לעבען און געסייפט[11] געלד.

---

[4]) קוואַרטיראַנטע. [5]) צירונג. [6]) קליידער. [7]) גבאי. [8]) אַנאָנסירען, מעלדען. [9]) ציימונגען. [10]) אַ רב, אַ גלח, יעדער כלי-קודש. [11]) געשפּאָרט.

עס וואלט געוועזן גוט, אבער דא האט ער ערשט אנגעהויבען צו פיהלען די וועהטאגען און ברעכענעס פון זיין נעזונד, פון וואלגערן זיך אין א רומקע — א באָרדער ביי א מיסעס[12].

ער האט אנגעהויבען אריינצוגעהן צו א דאָקטער, וועלכע האט געהאט א מאן, אן עקספרעסמאן[13], א „געמוזטער" שדוך, וועלכען זי האט דעם טאטען קיין מאל ניט געקענט שענקען. ווארום זי האט געהאלטען, אז דער שדוך איז פאר איהר צו פראסט. דער טאטע, האט פערקעהרט, געזאגט, בשעת, ער איז געוועזן ברוגז, אז דער איז נאך אויך פאר איהר צו גוט. נאר איצטער, ווען די מאָכטער האט געהאלטען באָרדער און דער טאטע האט געהאט א פעטען דזשאב פון א רעווערענד, האבען זיי ביידע שלום געמאכט.

ער האט די איינינקלעך ליעב געהאט און פלעגט זיי ברייגען צאצקעס און פרעזענטען.

— עס וואלט געוועזן אפשר א פלאן איך זאל זיך ארייגקלייבען צו איהר, האט ער געקלערט — פארט וועט זיין עפעס א שטיקעל היים, ניט לעבען ווי א הונד...

— כ'דארף האלטען פרעמדע באָרדער — האט זי מיט פערדרוס געטראכט — און ער דארף געבען צו פערדינען א פרעמדע מיסעס... וואס וואלט איהם ביי מיר געפעהלט?..

און דער שדוך איז געווארען געשלאסען. דער טאטע איז אריין צו דער טאָכטער אין באָרד[14] און ביידע זענען געוועזן צופריעדען. ער האט געהאט א היים, ניט געוואלגערט זיך אין דער פרעמד. די איינינקלעך האט ער ליעב געהאט און פלעגט זיי אפט קויפען שענע זאכען. צו זיי, צו די קינדער האט ער אויך גאר נישט געהאט. ער איז איצטער געוועזן א טאטע. מען האט איהם בעהאנדעלט מיט דרך ארץ, ווארום ער האט זיך מיט זיי ניט גערעכענט ווי א באָרדער.

איין זאך איז איהם געוועזן ניט אנגענעהם. ער האט זיך ניט געוואלט טרעפען מיט איהר, מיט דער געוועזענער ווייב. זי האט זיך צוקריגט מיט דער טאָכטער און פלעגט ניט געהן צו איהר; האט געלעבט ערגעץ אין א רומקע אליין. די איבעריגע קינדער זענען צולאפען, צופאָהרען, האבען מיט איהר ניט געקענט שטימען. גוט וואלט זיין, אז ער וואלט זיך מיט איהר קיין מאל ניט בעגעגענען.

---

[12]) בעל-הבית'טע. [13]) א קאראָשניק. [14]) לאָזשי.

אָט דאָס האָט געקלערט דער רעווערענד ברוך שעפּסעלעוויטש, ליגענדיג אויסגעצויגען אויפן לאַנטש, בײַ זיך אין רום. אַז גוט איז איהם געווען, אַז שלימזל איז איהם געווען. דער סך־הכל פון זײַן לעבען איז דאָך געווען אַ צובראָכענער, אַ צוקראַכענער... פע!...

דער איינציגער טרייסט איז דאָך, וואָס ער האָט אַ היים, וואָלגערט זיך ניט אין דער פרעמד. די טאָכטער, די אייניקלעך...

פון זײַנע געדאַנקען איז דער רעווערענד ברוך שעפּסעלעוויטש איבערגעריסען געוואָרען פון אַ שטאַרקען געשפּרעך אויף יענער זײַט טהיר. דאָס האָט גערעדט די טאָכטער, לויט איהר שטייגער אויף דער הויכער אָקטאַווע, אָבער מיט וועמען?

דער אַנדערער קול איז איהם, דאַכט זיך, אויך געווען באַקאַנט. ער האָט צוגעלעגט דעם אויער צום טיהר פון זײַן רום און אײַנגעהאָרכט זיך.

— די ווײַסט דאָך, אַז ער איז דאָ, וואָס האָט דאָס פאַר אַ צורה...

— נו, איז וואָס זאָל איך טאָן? עס ברעכען מיר די ביינער; קוים וואָס איך שלעפּ זיך אַרום. איך וואָלט אַנטרינקען זיך מיט „ליפּאָוועס צוועט" און אוועקלעגען זיך אויסרוהען בײַ דיר... אַ פּאָר טעג... איך בין שטאַרק פערקיהלט...

— דו האָסט דאָך אַ רום. זעהסט דאָך אַז בײַ מיר איז ניטאָ וואו. עס איז אַזוי אויך אַ דערשטיקעניש.

— צווישען פרעמדע מענשען... מען קען אויסגעהן און קיינער וועט אַ קאַפּ וואַסער ניט דערלאַנגען...

— איז דאָך פאַראַן אַ... אַ... האָספּיטאַל... בײַ מיר איז ענג, ניטאָ... בײַ מיר איז ניט קיין...

מעהר האָט דער רעווערענד ברוך שעפּסעלעוויטש ניט געהערט. וואָס מיט איהם איז געווען האָט ער אַליין ניט געוואוסט. עס האָט איהם געגעבען אַ ברען דער מוח און ער האָט עפּעס דערזעהן אַ שרעקליכע זאַך, אַזוי ווי דער גיהנם וואָלט זיך אונטער איהם אויפגעריסען, אָדער די ערד וואָלט זיך אונטער איהם צושפּאָלטען און געוואָלט איהם אײַנשלינגען. ער האָט שנעל אַרויסגעכאַפּט דעם איבער־ראָק און האָט זיך געלאָזט לויפען.

וואוהין ער איז געלאָפען האָט ער אַליין ניט געוואוסט. דער אימפּעט האָט איהם געטראָגען. דאָס האַרץ איז געווען אַזוי ווי אָנגעלאָדען מיט שטיינער. געקלערט האָט ער גאָר־ניט.

ער איז אַזוי געגאַנגען אָהן אַ צוועק סטריט אײַן, סטריט

אוים — בײַ אַ פֿינצטערן בלאָק. איז אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן און געזעסן בײַ אַ גלאָז טײ אַ שטונדע. דערנאָך איז ער װײַטער געלאָפֿן און פֿאַרגאַנגען אין אַן אַנדער רעסטאָראַן און געזעסן דאָרט נאָך אַ שטונדע. דערנאָך איז ער װײַטער געלאָפֿן...

עס איז געװאָרען נאַכט און זײַנע פֿיס זענען מיעד געװאָרען...

— מען דאַרף געהן אַהײם, האָט ער געשטאַמעלט אומבעװאוסט און האָט זיך געלאָזט געהן שטאַרקער.

נאָר בײַ דעם װאָרט אַ הײם האָט איהם דורכגענומען אַ שמערצליכעס, אַ ביטערעס געפֿיהל און דאָס האַרץ האָט איהם געדריקט שװערער און שװערער.

ער האָט זיך געלאָזען געהן געשװינדער: ער איז געגאַנגען ניט אַהין, ניט אַהײם...

ער האָט זיך אָבגעשטעלט בײַ אַ הויז און בעטראַכט דעם נומער.

— דאַכט זיך, אַז דאָ, — האָט ער געזאָגט צו זיך אַלײן,

— יע, דאָ...

ער איז אַרויפֿגעלאָפֿען אויף די טרעפּ, אויפֿ'ן דריטען פּלאָר און האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ טהיר.

— דאָ װאָהנט מיסעס...

— אין די בעק,[15] — האָט מען איהם געענטפֿערט.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיהר.

— קאַם אין![16]

ער איז אַרײַן, און די פֿרוי װאָס האָט איהם געעפֿענט איז אָבגעטראָטען אַ בלאַסע װי די װאַנד.

— װאָס מאַכסטו? — האָט ער געשטאַמעלט, ניט װיסענדיג אים שטאַנד װײַטער צו רײדען.

זי האָט איהם אָנגעקוקט אַ דערשראָקענע און ניט געקענט ענטפֿערען.

— איך בין געקומען, — האָט ער געזאָגט ענדליך, שטאַמלענדיג װי פֿריהער, מיט אָבגעריסענע װערטער, — איך בין געקומען... אַט גאַר נישט... לאָמיר פֿערגעסען... װאָס געװען איז געװען... לאָמיר זיך נעהמען איבער אַ נײַעס... גאָרנישט... לאָמיר פֿערגעסען... איך האָב געמײנט: איך האָב אַ הײם, איצטער װײס איך, אַז מען האַלט גוט כל זמן מען צאָהלט גוט. אַז

[15]) צום קויף. [16]) קום אײַן

איך בין געזונד און גיב געלד און פּרעזענטען בין איך אַ טאַטע.
און אַז קראַנק, און אַז אָרעם...

ער האָט מעהר ניט גערעדט און זי האָט אויך ניט גע-רעדט. נאָר טרעהרען האָבען זיך ביי ביידען אַ גאָס געטאָן פון די אויגען און זיי האָבען זיך צוכליפּעט ווי קינדער.

אַז די שכנים און בעקאַנטע האָבען דער טאָכטער אָבגעגעבען מזל טוב, וואָס „דער טאַטע האָט גענומען די מוטער", האָט זי זיי געדאַנקט און געשיינט וועהר צופֿריעדען. נאָר טיעף אין האַר-צען איז זי געוועהן בייז, און איהר האָט שטאַרק פֿערדראָסען, וואָרום... דער טאַטע איז געוועזען אַ גוטער באָרדער...

די ירושה פון איהר מאן.

(א בעקאנטשאפט אין א שפייזקרעמעל).

מיר זענען אריין אין נייע רומס[1]. און אז מען געהט אריין אין נייע רומס, מאכט מען, פערשטעהט זיך, נייע בעקאנטשאפטען. די ערשטע בעקאנטשאפט איז געוועהנליך מיט די שכנים פון נעקסט דאר[2]; די אנדערע בעקאנטשאפט איז, ווי עס איז לייכט זיך אנצושטויסען — אין דער גראסערי[3].

וועגען די שכנים פון נעקסט דאר וועל איך אייך דערצעהלען אנאנדערש מאל. היינטיגס מאל וויל איך איבערגעבען, ווי אזוי איך האב געמאכט בעקאנטשאפט מיט דער גראסערי, דאס הייסט ניט מיט דער גראסערי אליין, נאר אויך מיט דער גראסערי-פרוי. און אז איך רעד וועגען דער גראסערי-פרוי, מוז איך דערצעהלען וועגען מיין בעקאנטשאפט מיט „פאולי" און מיט'ן סאלאווי.

ווער איז „פאולי", און ווי אזוי קומט ער אין דער גראסערי, ער מיט'ן סאלאווי — דאס וועל איך אייך באלד דערצעהלען. דערווייל לאזט מיר אייך פארשטעלען די אלטיטשקע פון דער גראסערי.

בעקאנט געווארען בין איך מיט איהר גאנץ צופעליג. ווארום אז איך בין אראבגעגאנגען דעם ערשטען מאל דאון-סטערז[4] און געוואלט עפעס קויפען אין גראסערי, האב איך, דעם אמת זאגענדיג, ניט געוואוסט, אין וואסער גראסערי צו געהן. איך האב א קוק געטאן רעכטס אין בייסמענט[5], דארטען איז א גראסערי; א קוק געטאן לינקס אין בייסמענט — אויך א גראסערי. און דיזע צווי גראסעריס, רעכטס און לינקס, זענען אזוי ווי צווי קליינע „פרישטשיקעס", וואס זיצען נעבען א גרויסע געשוויר, דאס איז שוין די גרויסע ריכטיגע גראסערי, כמעט אין דערזעלבער הויז, מיט צווי גרויסע ווינדעס[6]. איך בין געשטאנען א ווייליע אויפ'ן סייד-וואק[7] און

---

[1]) דירה. [2]) נעכסטע טהיר. [3]) שפייזקראם. [4]) ארונטער די טרעפ אונטען. [5]) קעלער. [6]) פענסטער. [7]) טראטואר.

האָב זיך מישב געווען: וואוהין גייט מען אַרײַן? דעם אמת זאָ־
גנדיג, האָב איך געוואָלט אַרײַן אין אַלע דרײַ; ניט אַזוי, צוליעב
געבען זיי צו לייזען, ווי אײַנצוקוקען זיך און דערגיהען דעם סוד:
ווי אַזוי אַז די אַלע דרײַ גראָסעריעס ציהען די פּרנסה פון איין הויז,
אָדער העכסטענס פון אַנדערטהאַלבען הייזער. איך האָב אָבער נאָך
קיין צײַט ניט געהאַט צו קומען צו אַ בעשלוס, ערשט איך הער
אַ קול: „קומט אַרײַן, מיסטער, קומט אַרײַן, זײַט אַזוי גוט, וואָס
ווילט איהר עפּעס קויפען? בײַ מיר קענט איהר קריגען אַלץ: קעז,
אייער, גוטע קרים[8] אײַגענע אויסגעשלאָגענע פּוטער און קעז, אויך
אײַגענע געמאַראַנירטע הערינג, צוקער, מעטשעס[9]...

איך האָב זיך אָבגעקעהרט. דאָס איז געווען אַן אַלטשינקע
פרוי, אין אַ טשעפּיק, נאָר אויפ׳ן הײַמישען שטייגער. איך האָב
שוין געמוזט אָננעמען איהר אײַנלאַדונג און בין אַרײַן צו איהר
אין גראָסערי.

די גראָסערי איז געווען אַ נײַע, אַן אויפגעפּיקסטע[10], וואָרום
אין בייסמענט האָט פריהער געוואוינט אַ שוסטער. די גאַנצע קראָם
איז בעשטאַנען פון דרײַ פּאָליצעס. אויף איין פּאָליצע זענען גע־
שטאַנען עטליכע פּאַפּירענע זעקלעך מיט מעהל (אַז אין די זעק־
לעך איז מעהל, האָב איך זיך שפּעטער דערוואוסט). אויף דער
אַנדער פּאָליצע — אַ קליינע פּאַסקעלע מיט עטליכע צעהנדליג הערינג,
אַ קעסטעלע מיט עטליכע צעהנדליג אייער און נאָך עפּעס עטליכע
מיניג קרײַטיכער. אויף דער דריטער פּאָליצע... נאָר דער לעזער
קען זיך שוין אַליין אָנשטויסען, וואָס עס איז געווען אויף דער
דריטער פּאָליצע. אַט דאָס איז געווען די גאַנצע קרעמעל.

איך האָב געפרעגט זעמעל, נאָר קיין זעמעל איז גראָדע דאָ־
מאָלסט ניט געווען... אַנשטאָט זעמעל האָט מיר די גראָסערי־פרוי
פאָרגעשלאָגען אײַגענע געבאַקטע קיכלעך, „זיי צוגעהען פּשוט אין
מויל". דאָס האָט זי געבאַקט פאַר זיך אַליין מיט איהר זוהן אויף
שבת, איז איהר געבליבען עטליכע...

איך האָב קיין קיכלעך ניט געוואָלט, נאָר זעמעל. האָט זי,
די גראָסערי־פרוי, מיך געבעטען אַכטונג געבען אַ ווײַלעצקע אין
גראָסערי, וועט זי אַ לויף טאָן און קריגען.

— ווי קאָנט איהר מיך לאָזען אַליין אין גראָסערי, באָבינקע,
אַז איהר זעהט מיך דעם ערשטען מאָל און קענט מיך ניט, ווער
איך בין? — האָב איך זי געפרעגט.

8) סמעטענע. 9) שוועבעלעך. 10) אויסגעפּוצט, אײַנגעאָרדנטע.

— יעט, — מאַכט זי, מ׳זעהט נאָכ׳ן פּנים נאָך. אַגב, וואָס וועט איהר ביי מיר נעהמען, מישטוינס געזאָגט...

איך בין אַליין געבליבען אין גראָסערי; ניט אינוויינינג, נאָר דרויסען, אויף יענער זייט טיר, און האָב געוואַרט אויף דער גראָסערי-פרוי מיט די זעמיל. ווי איך האָב מיך נאָר אָבגעקעהרט פון טיר, ערשט איך הער הינטער מיר אַ געשריי: „העלאָו!“[11] איך קעהר זיך אָב, זעהן: ווער איז דאָס. קיינער ניטאָ. מיר איז געווען אַוואונדער. נאָר איך האָב אַ קלעהר געטאָן: מסתמא ניט צו מיר, איך האָב געמוזט האָבען אַ מיסטייק[12]. אין מיטען דערינגען הער איך נאָך אַמאָל: העלאָו! העלאָו!

— וואָס איז דאָס? קלער איך ביי זיך, ווער קען דאָס זיין?

איך הויב אויף די אויגען פון בייסמענט אַרויף צו און קלער: ווער קען דאָס זיין?

קיינער ניט!

— העלאָו! העלאָו! האָט ווידער זיך געלאָזט הערען אַ קול, דאַכט זיך, נעבען מיר....

— געוויס אַ לויפער![13] האָב איך בעשלאָסען און אַ שפּיי געטאָן.

די גראָסערי-פרוי איז געקומען און האָט מיר געבראַכט זעמעל. איך האָב זיך מיט איהר פאַנאַנדערגערעדט וועגען איהר גראָסערי און צי מאַכט זי אַ לעבען?

— אַ לעבען? מאַכט זי — הלואי זאָל טראָגען אויף רענט[14], וואָלט איך אויך געווען צופריעדען.

— וואָס הייסט אויף רענט? — פרעג איך — און לעבען דאַרף מען דאָך אויך, וואו-זשע נעהמט איהר?

— יעט, — מאַכט זי, — וויפיעל דאַרף איך? אַ ביסעל גיבען די אויסגעגעבענע קינדער, אַ ביסעל העלפט דער זוהן, וואָס וואוינט דאָ מיט מיר צוזאַמען.

אויף מיין פראַגע, פאַר וואָס איז זי ניט ביי די קינדער, האָט זי געזאָגט: גאָט זאָל אויסהיטען. איך בין מיין גאַנצען לעבען געווען אַ בעל-הבית׳טע און וויל יעצט אויך האָבען מיינע אייגענע פיער ווינקעלעך. צו קינדער איז גוט צו קומען אין געסט, אָבער ניט צו זיין ביי זיי.

— וויפיעל צאָהלט איהר,באָבינקע, פאַר דער גראָסערי רענט?

---

[11]) גוט מאָרגען, וואָס מאַכט איהר? [12]) טעות. [13]) א געסעניונג, קונדס.
[14]) דירה-געלד.

— 20 דאָלאַר אַ מאָנאַט, און דאָס מאַך איך קוים אויס. עס וואָלט אָפּשר געהן נישט קשה, נאָר איך בין איינע אַליין, פֿון דער פֿריה ביז שפּעט ביינאַכט. אַ ביסעל טראָגט מען אַריין, און אַז עס פֿעהלט עפּעס אויס, איז שלעכט. אַט איז גוט, וואָס איהר האָט געוואָלט וואַרטען און אַכטונג געבען, לאַנגע יאָהרען זאָלט איהר האָבען.

— העלאָו, פּאַולי! האָט מיר פּלוצלונג געגעבען אַ קלונג אין די אויערען.

איך האָב ניט ווילענדיג זיך געגעבען אַ קעהר, זעהן ווער איז דאָס?

— שייק הענד[15] פּאַולי, מיט'ן מיסטער, גיב איהם אַ קוש, האָט זיך אָבגערופען די גראָסערי-פֿרוי מיט אַ שמייכעל.

— ווער איז דאָס ביי אייך, אַ קינד? האָב איך געפֿרעגט פֿערוואונדערט.

— וואָסער קינד, האָט געענטפֿערט די פֿרוי מיט אַ געלעכטער, דאָס איז אַ פֿויגעל, פּאַולי, רופֿט מען זי, זי רעדט, ניט געגליכען, ווי אַ מענש. פּאַולי, שייק הענד מיט'ן מיסטער, גיב איהם אַ קוש! גיט איהר אַ פֿינגער, אָן אין ווינקעל, אין קליעטקע, וועט זי אייך אָננעהמען מיט דער לאַפּקע, ניט געגליכען, ווי אַ מענש. און אויב איהר וועט ציִלעגען די באַק צו דער שטייגעל, וועט זי אייך אַ קוש טאָן מיט'ן שנאָבעל.

איך האָב זיך אַ קעהר געטאָן זעהר נייגעריג צום ווינקעל און האָב דאָרטען דערזעהן די שטייגעל מיט דעם פּאָפּוגאַי. יעצט האָב איך פֿערשטאַנען, ווער דאָס האָט מיך פֿריהער בעגריסט: העלאָו! העלאָו!

איך האָב דורכגערוקט דעם פֿינגער פֿון אויבען דורכ'ן קליעטקע, און „פּאַולי" האָט אַרויסגעקלעטערט, האָט אָנגענומען מיט זיינע נעגעל דעם פֿינגער און שטאַרק געדריקט איהם. דאָס האָט ער מיט מיר „געשייקט הענד". דערנאָך האָב איך זיך צוגעבויגט צו דער קליעטקע מיט'ן באַק, און ער האָט אָנגענומען מיין באַק מיט'ן שנאָבעל און האָט מיר געגעבען אַ שטאַרקען קוש.

— אַ חכמה אַ פֿויגעל — רופֿט זיך אָב די אַלטשינקע גראָסערי-פֿרוי. פֿערשטעהט און רעדט, להבדיל, ווי אַ מענש. דאָס איז מיר געבליבען ירושה פֿון מיין מאַן, עליו השלום. מיין מאַן, עליו השלום, האָט איהר ליעב געהאַט, ווי דעם לעבען, פֿלעגט מיט איהר

[15]) גיב שלאָג, גיב אַ האַנד.

פֿערבּרענגען שעה'ן לאַנג. און איצטער, מײַן זוהן, איהם צו לאַנגע יאָהר, קומט ער אַ היים פֿון מטאָר[16] — אין אַ סטאָר איז ער — איז רק ער באַדערט[17] זיך אַרום זײַ.

ווער איז די זײַ? האָב איך געפֿרעגט — איהר האָט נאָך אַ פֿויגעל?

— אָן, דאָרטען, אין אַ ווינקעל, העננט יענע, איהר זעהט? אויך אַ געראָטענע פֿויגעל, זינגט זעהר שען... בּײדע זענען מיר געבּליבּען בּירושה פֿון מײַן מאַן, עליו השלום.

— גיוו... מי... אי־אי־איט... איט![18] האָט פּלוצלונג אָנגעהויבּען צו קלינגען פֿון דער זײַט, און דער פּאָפּוגאַי האָט אָנגעהויבּען צו פּאַדען אויף די דרעמלעך, אַ פּנים מיט כעס.

— דאָס בּעט זי עסען, — האָט מיר די גראָסערי־פֿרוי ערקלערט. בּיזט געראָכט „פּאַלעצקע". אַז אָך און וועה צו מיר, איך האָבּ גאָר פֿערגעסען, אַז מען דאַרף דיר געבּען מאַפּער[19].

זי האָט גענומען פֿון אַ קעסטעלע אַ הײַפֿעל רויזען יאָדרעס און האָט אַרײַנגעשאָטען אין דער מולטערעל פֿון קליעטקע. „פּאַולי" האָט איהר געכאַפּט פֿאַר'ן פֿינגער און האָט איהר ניט אײַנגעלאָזען.

— דאָס קושט זי מיר די האַנד, זאָגט צו מיר די גראָסערי־פֿרוי, פֿאַר וואָס איך האָבּ איהר געגעבּען סאַפּער. דרײַ מאָל אַ טאָג עסט זי, להבדיל, ווי אַ מענש. נאָכ'ן עסען דאַרף מען איהר פֿערדעקען די שטײַג מיט אַ טוך און זי מוז זיך אַ בּיסעל דורכדרעמלען. דערנאָך נעהמט זי זיך רעדען. זי פֿערשטעהט אַלץ. אַז מײַן מאַן, עליו השלום האָט געלעבּט — אַ קאָונטרי־פּעדלער[20] איז ער געווען און פֿלעגט קומען אַהײם אויף אַלע שבת — פֿלעגען קומען צו אונז בּעקאַנטע, אידען און קריסטען, להבדיל, פֿלעגען זײ מיט איהר גאַנצע וואָכען פֿערבּרענגען און קײַקלען זיך פֿון געלעכטער.

— פּפּפּי־איט־פֿויט־פֿיט. טררר... פּלי־פּלי־פּלי... האָט זיך פּלוצלונג צושאָטען אינים אַנדער ווינקעל, אין דער הויך, דער סאָלאָוויי, און דאָ האָבּ איך אַלעס פֿערגעסען: אי די גראָסערי־פֿרוי, אי פּאַולי. איך בּין געוואָרען אַזש בּעצויבּערט פֿון די זיסע טרעלען אין דעם אונגעוועהנליכען פּלאַץ. מיר האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ שטילער ווינקעל אין דעם היימישען כוואָיניק אויפֿ'ן „הויכען בּאַרג", „אין דעם גרינעם גראָד" שפּעט נאָך זונאונטערגאַנג; אַלטע, אײבּיג גרינע כוואָיעס. וואָס זענען בּעגוּלט פֿון די לעצטע שטראַהלען פֿון

---

[16] קראָם. [17] עוסקט זיך, בּלאַפּאָטשען. [18] גיבּ מיר עסי, עסין!
[19] אָבּענד־בּרויט. [20] אַ פּעדלער (קאָראָבּײניק) אויפֿ'ן לאַנד.

דער פערגעהענדער זון, און די שטראהלען מיט די טרעלען, מיט דעם קוואקען פון די זשאבעס ניט ווייט אין טייכעל, מישען זיך אלע צוזאמען אין איין הארמאנישען כאר און קוויקען די נשמה...

אז איך בין געקומען צו זיך, האט מיר געשיינט, אז איך אין די גראסערי, מיט דער גראסערי-פרוי, מיט פאולי, מיט'ן סאלא-ווי: זענען עפעס דא א מיספערשטענדניש, אז ניט דא איז אונזער אלעמענס פלאץ... איך בין צוגעגאנגען צום סאלאווי: און האב געוואלט מיט איהם נעהנטער בעקאנט ווערען. נאר ער איז א ווילדע זאך, און האט אנגעהויבען שפרינגען א צושראקענער אין קלעטקע, אהין און אהער, ביז איך בין ניט אוועק פון איהם ווייטער צום טיר. אזוי איז מיר ניט געלונגען מיט איהם צו שליסען א נעהנטערע בע-קאנטשאפט. איך האב זיך געמוזט צופריעדען שטעלען מיט דער ראלע פון א זייטיגען צוהערער און בעוואונדערער פון זיינע זיסע, געשמאקע טרעלען.

דערפאר אבער בין איך פון טאג צו טאג אלץ בעקאנטער און בעפריינדעטער געווארען מיט דער באבינקע פון דער גראסערי און מיט פאולי. ווען איך קום אריין אין גראסערי בעגעגענט מיך די אלטשינקע מיט זעהר א ווארימען „גוט-מארגען“, צי גוט'ן אווענד. און פאולי אויף זיין שטייגער בעגריסט מיך: „העלאו!“ „העלאו פאולי!“ און קלעטערט אויף די דרעטלעך פון קלעטקע און שטעקט אויס די לאפקע צו „שייקען מיט מיר הענדס“...

אַ הײם צו די סדרים

שוין פֿון הנוכה אָן איז חיים יאָסיל ברויטמאַן אומגעגאַנגען מיט דעם פֿרײלעכן געדאַנק, אַז באַלד, באַלד, וועט ער ניט זײַן מער אַלײן אין דעם ווײַטן פֿרעמדן לאַנד. ער האָט שוין געהאַט גענוג געלד, אויף צו שיקן שיפֿס-קאַרטן אַהײם דער גאַנצער הויז-געזינד, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון טאַטן, מאַמען, צוויי אינגערע שוועסטער און אײן אײנציגן ברודער. דאָס האָט געדאַרפֿט קאָסטן צוזאַמען אַ דרײַ הונדערט דאָלאַר און אַ הונדערטער דער אײַנאָרדענען זיך נאָך זײער קומען אין לאַנד. פֿאַר די פֿיער יאָהר, וואָס ער איז אין אַמעריקאַ, האָט ער זיך גאַנץ פֿײַן דורכגעלעבט, (אויסער דעם ערשטן האַלבן יאָהר, ווען ער האָט שטאַרק געליטן), האָט איבערגעשיקט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר אַהײם און האָט נאָך געהאַט אין „די בענק" נאָהענט פֿון 500 דאָלאַר.

די לעצטע דרײַ יאָהר האָט אים גאָר נישט געפֿעהלט. דעם ערשטן האַלבן יאָהר, ווי געזאָגט, האָט ער זיך צוגעפּלאָגט, ביז ער האָט זיך אַביסעל אויסגעגרינט. ער האָט איבערגעטאָן פֿערשידענע אַרבײַטן, ביז ער איז פֿאַרט געבליבן בײַ אַפּרײַטאָרײַ. אַ יאָהר איז ער געלעגן בײַ דער מאַשין, האָט געלעבט זעהר אויסגערעכענט און אָנגעקליבן פֿופֿציג דאָלאַר. דאַן האָט ער זיך אויסגעלערנט פֿאַר אַ „קאָטער", — אַ צושנײַדער — האָט די אַרבײַט גוט בעקומען און אין אַ האַלב יאָהר צײַט האָט ער שוין געקומען צעהן דאָלאַר אַ וואָך. דערנאָך האָט ער געביטן דעם פּלאַץ און באַלד געקראָגן אַ הוספֿה דרײַ דאָלאַר, און אַז דער הויפּט-קאָטער איז אַוועק, האָט ער בעטראָטן זײַן פּלאַץ און געמאַכט זײַנע אַכטצעהן, צוואַנציג דאָלאַר די וואָך.

אַ סך פֿון זײַנע לאַנדסלײַט און בעקאַנטע האָבן אים מקנא געווען און געזאָגט: אים האָט אָבגעגליקט אין אַמעריקאַ.

נאָר חיים יאָסיל ברויטמאַן אַלײן האָט זיך ניט געפֿיהלט גוט, כאָטש ער האָט געמאַכט אַ גאַנץ פֿײַנעם לעבען און האָט

געקענט „סיפֿען" (שפּאַרען) אַ דאָלאַר אין „די באַנק". דעם ערשטען יאָהר האָט ער שטאַרק געבענקט נאָך דער היים, מוראדיג געבענקט. ער האָט זיך גענומען מיט פֿלייס צו דער אַרבייט, ניט אַזוי פֿון חשק, ווי פֿון אַנגסט פֿאַר הונגער, ווי אום צו פֿערשלאָגען זיין בענקעניש. אַז ער האָט אָנגעהויבען צו פֿער-דינען און געהן אָפֿט אויף אַ קאָנצערט און אין טעאַטער, האָט ער זיך אָנגעהויבען צו פֿיהלען רוהיגער און גענומען זיך איינ-שטועסען, אַז אַמעריקאַ איז דאָך אַ גוטעס לאַנד, אַז אין דער היים וואָלט ער קיין מאָל זיך ניט אַרויסגעאַרבייט אַזוי ווי דאָ; ער וואָלט נאָך איצטער אויך געווען אַ לעהרער אין שטעדטעל און געבליבען ביי זיינע דריי-רובעלדיגע אוראָקען.

וואָלט ער ליעב געהאַט קאָמפּאַניע, געזעלשאַפֿטען, וואָלט ער שוין געווים לאַנג פֿערגעסען אָן דער היים. נאָר בטבע איז חיים יאָסעל געווען אַ מענש ניט קיין קאָכיגער, אַ שטילער, האָט ליעב געהאַט אַ קליינעם קרייז בעקאַנטע, גאַנץ נאָהענטע, וואו ער זאָל זיך פֿיהלען, ווי אין דער היים. אַזאַ קרייז מענשען האָט ער דאָ ניט געהאַט. ער האָט תמיד געלעבט איינזאַם, כאָטש בעקאַנטע און לאַנדסלייט האָט ער געהאַט אַ סך.

ווינטער צייט איז נאָך געווען ווי עס איז. נאָר זומער-צייט פֿלעגט איהם ווערען זעהר שווער. ער האָט ניט געקענט פֿער-טראָגען דעם הויז, טומעל פֿון דער מוראדיג גרויסער שטאָדט. איבערהויפּט די היצען און די שטיקעניש. אין שאָפּ האָט ער דאָס אַזוי ניט געפֿיהלט, ווייל ער איז געווען פֿערהאָרעוועט. נאָר שווער איז איהם געווען נאָך דער אַרבייט. ער פֿלעגט אַפֿילו אַלע זונטאָג „אויספֿאָהרען" אין אַ פּאַרק. נאָר דער געקינצעלטער פּאַרק פֿלעגט איהם ניט קאָנען פֿערבייטען דעם היימישען הילדען הואַיניק, דעם מאַסנאָווען וואַלד, וואו ער פֿלעגט אָפּליגען אַ גאַנ-דען מיט אַ בוך און הויטשען זיך מיט דעם ריח פֿון די סמאָלע און דעם געזאַנג פֿון די פֿייגעלעך.

נאָך מעהר ווי אַלע מאָל פֿלעגט אַנגעלעבען זיין וועהמוט און בענקעניש נאָך דער היים אין אָנהויב פֿריהלינג, עטליכע וואָ-כען פֿאַר פּסח. ער פֿלעגט גאַנצע טעג ממש אומגעהן ווי אַ משוגענער. ער פֿלעגט פֿיהלען אָפֿט אַזאַ מרה-שחורה, אַזאַ יאוש צו די מענשען און צום לעבען, אַז ניט איין מאָל איז איהם אַריין דער געדאַנק וועגען זעלבסטמאָרד.

— אַ מאָדנע זאַך! — האָט ער פֿיעל מאָל ביי זיך געטראַכט, — פֿאַר דעם, וואָס קען און וויל אַרבייטען, איז דאָ ניט שווער

צו מאַכען אַ לעבען. אָבער קיין לעבען, קיין אמת'ער לעבען איז דאָ נישטאָ. נישט אומזיסט זאָגט מען דאָ: „מאַכען אַ לעבען", ווײַל דער לעבען איז נישט קיין נאַטירליכער — ער איז אַ געמאַכטער. אַלץ איז דאָ געמאַכט, געמאַשינעוועט, געקינסטעלט און „פֿאַרקריפּעלט". אין דער היים איז מען אָרים, מען לײַדט; אָבער אין די אָרימקײַט און לײַדען געפֿינען זיך מינוטען, ווען עס גערט אָב די נשמה. דאַן פֿיהלט מען, אַז מען לעבט, דאַן האָט מען הנאה פֿון לעבען.

נאָר חיים יאָסיל איז נישט געווען געגאַרט. און ווען אין פֿריהלינג און זומער פֿלעגט ער ווערען ברוגז אויף אַמעריקאַ, פֿלעגט ער ווינטער-צײַט ווידער ווערען מיט איהר גוט-פֿרײַנד און לויבען אַלע איהרע מעלות. און בײַ איהם פֿלעגט בלײַבען, אַז אַמעריקאַ איז דאָך אַ גוטעס לאַנד.

אָט אַזוי איז געגאַנגען אַ יאָהר פֿאַר אַ יאָהר. און וואָס בעסער ער האָט פֿערדינט און געמאַכט אַ שענערען לעבען; וואָס מעהר ער האָט ליעב בעקומען אַמעריקאַ ווינטער צײַט, — אַלץ שטאַרקער איז געווען זײַן בענקענים אַהיים, ווי עס פֿלעגט נאָר אַ בלאָז טאָן אַ פֿריהלינגס-ווינטעלע. אום צו מאַכען אַ סוף צו דער רײַסענים פֿון זײַן נשמה אַהין און אַהער, האָט ער דעם לעצטען חנוכּה בעשלאָסען אַריבערצובריינגען אויף פּסח אין אַמעריקאַ די גאַנצע פֿאַמיליע. „דאַן וועט זײַן אַ סוף" — האָט ער געקלערט — „צו דער צופּענים פֿון מײַן האַרץ". אַלע וועלען זײַן דאָ, וועל איך מיך פֿיהלען, ווי אין דער היים.

ער האָט געשריבען וועגען דעם פּלאַן אַהיים. די אינגערע קינדער האָבען זיך זעהר געפֿרייט; די עלטערן אָבער האָבען געשריבען, אַז זיי ווילען אויסלעבען זייער ביסעל יאָהרען דאָרטען, וואו זיי זענען געבאָרען געוואָרען און וואו זיי האָבען אויפֿן בית-עלמין טײַערע קבֿרים — דעם גרעסטען אײַגענס, וואָס אַ מענש קען האָבען אויף דער וועלט. נאָר טאָמער וועט ער צונעהמען די קינדער, וועלען זיי אויך מיטפֿאָהרען, וואָרום זיי וועט זײַן שווער צו בלײַבען אַליין. „אַז מען נעהמט צו די קעלבעלע" — האָבען זיי געשריבען — „מוז דאָך די קוה נאָכגעהן. טאַ, טו, ווי דו פֿערשטעהסט".

חיים יאָסיל האָט נישט באַלד אַרויסגעשיקט די שיפֿס-קאַרטעס. ער האָט אָבגעלעגט פֿון טאָג צו טאָג; האָט זיך אַלץ געשלאָגען אין דער דעה. דאָ האָט ער געהאַט רחמנות אויף די קינדער: אין אַמעריקאַ וועלען זיי ווערען מענשען, — האָט ער געקלערט

וועלען אָנהויבען פערדינען און העלפען די עלטערן. דאָ האָט איהם וועה געטאָן די הארץ אויף די אַלטע. ער האָט געוואוסט, אַז ניט די קברים אַליין איז שווער זיי צו לאָזען. אַז מענשען, איבערהויפּט עלטערע מענשען, איז ניט אַזוי לייכט איבערצוּוואַנדערן פון איין עק וועלט אין דעם אַנדערען. בעזאָנדערס אַוועקצולאָזען אַ קליינע רוהיגע שטעדטעל, וואו זייערע אבות אבותיהם האָבען געלעבט, און פּלוצלונג מגולגל ווערען אין דעם קאָך קעסעל פון דעם ניו-יאָרקער כף הקלע.

פונדעסטוועגען האָט ער געשריבען אַ היים, אַז ער שיקט זיי אַרויס אין גיכען שיפּס-קאַרטעס. נאָר פאָהרען זאָלען זיי בעסער נאָך פסח, ווייל דאַמאָלס זענען בעסער די וועטערן. אין דער אמת'ן אָבער האָט ער געוואָלט געווינען צייט. אום גוט צו בעקלערען זיך, ווי איז בעסער. ער האָט אָבגעלייגט פון טאָג צו טאָג, ביז עס איז אַוועק דער ווינטער און אין דער לופט האָט זיך אָנגעהויבען שפּירען, אַז ערגעץ וואו איז געקומען דער פריהלינג. אין גאַס און אין שאַפּ האָט זיך נאָך דערווייל גאָר נישט געמערקט. די זון האָט געקוקט גלייכגילטיג און טרויקען; די לבנה איז געווען טויט און בלאַס, און פון דעם בלויען הימעל מיט די ווייסע וואָלקענס זעהט מען נאָר אָבגעריסענע שטיקלעך און פּאַסקעלעך. נאָר טיעף אין אַ געהיימען ווינקעל פון חיים יאָסיל'ס נשמה, האָט שוין אָנגעהויבען צו שפּיעלען דער אמת'ער פריהלינג, דער פריהלינג פון זיין קליינער, ליעבער שטעדטעלע. איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט דער היימישער „האָאי-ניק" מיט'ן „בערעזניאַק", מיט די קליינע אָרימע, איינגעבויגענע, אָבער ליעבליכע שטיבעלעך מיט די גרינע, מיט שימעל בעוואַקסענע שינדעל-דעכער. איהם האָט זיך פאָרגעשפּיגעלט דער קלאָרער וואַסדיגער טייכעל, די ברונעמ'ס, מיט דער הויכער הילצערנער שול, מיט דעם שפּיציגען אַלטען קלויסטער, מיט דעם גרינעם, רוהיגען אידישען בית-עולם, און די גויאישע מאָהילקעס, אין דער הויך, אויפ'ן באַרג, ביי'ן סאַמע וועג; און גדליה-בער זיין אַלטער רבי און דער רב, און דער שמש, און דער גלה פון שטעדטעל, מיט אַלע בעקאַנטע אידען און גוים; און יעדערער פון זיי איז איהם געווען אַזוי טייער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דאַרפען אַט איצט מיט זיי זעגענען, איבער אַ נייעס, און אויף אַלע מאָל, אויף אַלע מאָל...

אין בשעת חיים יאָסיל איז געגאַנגען קויפען שיפּס-קאַרטעס, האָט ער געפיהלט אַזאַ וועהטאָג, אַזאַ וועהטאָג אין זיין האַרצען,

אַזאַ צעפּעניס טיעף אין זײַן נשמה, ווי ער האָט נאָך קײן מאָל אַזוי ניט געליטען, זינט ער איז אין אַמעריקע. „יעצט איז שוין קײן האָפֿנונג ניטאָ צו זעהען זיך מיט דיר ווען עס איז ווידער, אָ, די טײַערע אָרימע וויגעלע פֿון מײַנע שמערצליכע, אָבער דאָך גליקליכע קינדער־יאָהרען. יעצט בלײַבען מיר צושײַדט אויף אַלע מאָל, אויף אַלע מאָל...“

און חיים יאָסיל האָט זיך דערשראָקען פֿאַר דעם געדאַנקען. אימער שאַרפֿער און שאַרפֿער איז איהם פֿערגאַנגען דער וועהטאָג פֿון בענקעניש אַהײם.

— איך קען ניט, נײן, איך קען ניט, — האָט ער זיך אַזוי ווי פֿאַר עמיצען פֿערענטפֿערט. איך מוז פֿאָהרען, צוריק פֿאָהרען, כאָטש נאָך אײן מאָל זעהען זיך מיט זײ, מיט די אַלטע ליעבע פּלעצער, מיט די אַלטע, ליעבע פֿרײַנד. איך מוז...

און ער איז געלאָפֿען צוריק, צוריק אין זײַן צימער, האָט אָנגעשריבען אַ בריעף אַהײם, אַז בײַ איהם איז געבליבען אַן אַנדער פּלאַן: ער פֿאָהרט אַהײם אויף פּסח, צו די סדרים, זעהען זיך מיט זײ און דאָרט וועלען זײ זיך מישב זײַן, ווי איז גלײַכער צו טאָן.

צווײ וואָכען נאָך פּורים האָט זיך חיים יאָסיל געזעצט אויפֿ׳ן שיף און איז געפֿאָהרען אַהײם. אויפֿ׳ן שיף זענען זײַנע שמערצען רוהיגער געוואָרען, און וואָס ווײַטער ער איז אָבגעפֿאָהרען פֿון ברעג, האָט ער זיך אַלץ בעסער געפֿיהלט. וואָרום ער האָט געפֿיהלט, אַז ער קומט אַלץ נעהענטער אַהין, צו זײַן ליעבער הײם.

און וואָס נעהענטער די שיף האָט איהם געטראָגען אַהײם צו, אַלץ שוואַכער איז בײַ איהם געוואָרען די פֿאָרשטעלונג פֿון דער נײַער וועלט, וואו ער האָט פֿערבראַכט פֿיער יאָהר נאָכאַנאַנד. ער האָט געפֿיהלט אַזוי ווי שטײנער פֿאַלען איהם אַראָב פֿון האַרצען און עס ווערט איהם אַלץ גרינגער, גרינגער. ער האָט ניט געהאַסט דאָס לאַנד, פֿון וואַנען די שיף האָט איהם געטראָגען, ער האָט עס געשעצט, איז איהם געווען דאַנקבאַר דערפֿאַר, וואָס עס האָט איהם מיט 4 יאָהר צוריק צוגענומען און געגעבען די מעגליכקײט אַנצואווענדען זײַנע קרעפֿטען און מאַכען אַ לעבען. אָבער דאָס האַרץ, די נשמה זענען מיט איהם ניט געווען פֿערבונדען. זײ האָבען געהערט צו יענעם לאַנד, וואָס האָט איהם און אַלע די זײַניגע אַזוי פֿיעל לײַדען פֿערשאַפֿט...

דרײַצען טעג האָט געדויערט זײַן רײַזע; און אויפֿן פֿער-
צענטן טאָג, פֿאַר-נאַכט, אַ פּאָר שעה פֿאַרן סדר, איז ער אָנ-
געקומען אַהיים אין זײַן שטעטעל. אין דער היים, אין דער
פּשוטער, אָרעמער שטיבעלע, וואו זײַנע עלטערן האָבען גע-
וואוינט, איז שוין אַלץ געווען צוגעקליבען, אויסגעשײַמט מיט
זאַמד, פֿאַרפּוצט און ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך. וואָרום געלד
אויף יום-טוב האָט ער זיי געשיקט גענוג. באַלד איז אין שטעטעל
געוואָרען אַ קלאַנג: דער אַמעריקאַנער חיים יאָסיל, ישעיהו דעם
מלמד'ס זוהן, איז געקומען, און האָט געבראַכט מיט זיך אַ
שטיק מיט געלד.

די קינדער זענען אַרויסגעלאָפֿען די ערשטע איהם אַנטקעגען, און נאָך זיי דער טאַטע מיט דער מאַמען. די ערשטע איז איהם אַרויפֿגעפֿאַלען אויפֿן האַלז די מאַמע. זי האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין זײַן געזיכט און האָט געזאָגט אונצופֿרידען: „איך האָב געמיינט דו וועסט קומען אַ גראָבער, אַ ברייטער, ערשט דו זעהסט אויס חלש, מײַן זוהן, ביזט עלטער געוואָרען אַזוי ווי מיט צעהן יאָהר".

— נישט קשה, מאַמע, האָט ער געענטפֿערט. דאָס איז גאָר נישט, פֿון וועג, צוויי וואָכען נאָכאַנאַנד געריבען זיך: איך פֿיהל מיך גוט און געזונד.

וואָס עס האָט זיך געטאָן צו מעריב אין שול, איז ניט משער צו זײַן. ערשטענס האָט ער געדאַרפֿט אָבגעבען גריסען, און צווייטענס דערצעהלען די וואונדער פֿון „יענער וועלט". חיים יאָסיל האָט געשילדערט דעם לעבען אין אַמעריקאַ אַזוי, ווי עס איז, די מעלות מיט די חסרונות. ער איז געווען דער ערשטער אין שטעטעל, וואָס איז געקומען צוריק פֿון אַמעריקאַ. דער עולם האָט געשלונגען די נײַעס און האָט זיך זעהר געחידושט, אַזוי ווי מען וואָלט באמת דערזעהען אַ מענשען פֿון יענער וועלט.

ווי חיים יאָסיל איז געווען מיעד פֿון וועג, איז ער דאָך געזעסען צום סדר, גלײַך מיט אַלעמען. ער האָט אַזאַ סדר לאַנג ניט אָנגעזעהן. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז זעהר לאַנג, אַז פֿיעלע, פֿיעלע יאָהרען זענען אַוועק, זינד ער האָט פֿערלאָזען די שטעטעל. צום אַנדער העלפֿט סדר זענען די קינדער צופֿאַלען שלאָפֿען, ווײַל זיי האָבען זיך שטאַרק אָנגעהאָרעוועט. די מאַמע איז געגאַנגען אויסבעטען איהם אין אַלעמען. נאָר דער טאַטע איז געזעסען אין קיטעל און האָט אָבגעזאָגט די גאַנצע הגדה און שיר השירים אויך. די מערסטע האָבען געקלונגען אין חיים

יאָסעלס נשמה מיט אַזאַ וואַרעמקייט און זיסקייט, אַז איהם האָט זיך געוואָלט וויינען. נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטען און, אַז אַלע זענען אַוועק שלאָפען, איז ער אַרויס בעטראַכטען די שטעדטעל.

דעם ערשטען וויזיט האָט ער געמאַכט דעם אַלטען היל־צערנעם בריקעל, פון וועלכען עס האָט זיך געזעהען פון איין זייט דאָס שטעדטעל און פון דער אַנדער זייט די פעלדער און דער וואַלד. פון אויבען האָט געקוקט דער טיעף־בלויער הימעל און די שטערען האָבען מיט זייערע צאַרטע שטראַהלען געגאָסען קוויקעניס אין זיין האַרץ. א קיהלער, אָבער א ווייכער ווינטעל, דער אַלט בעקאַנטער ווינטעלע, האָט געגלאַסטשעט זיין שטערען און זיינע האָר. פון אונטען האָט שטאַרק געמורמעלט דער טייכעל, וואָס האָט זיך יעצט פאַנאַנדערגעגאָסען אין א ברייטען שטראָם. זיין שפראַך איז איהם געווען בעקאַנט; איהם האָט זיך געדוכט, אַז דער טייך בעט זיך ביי איהם, ער זאָל ניט פאָהרען צוריק ער זאָל בלייבען דאָ.

און ווי אונבעוואוסט האָבען זיינע ליפען געמורמעלט: איך בלייב דאָ, איך בלייב דאָ...

— — — — — — — — — — —

אין צוויי וואָכען אַרום איז היים יאָסעל מיט זיינע ברידער און שוועסטער, מיט זיין טאַטען און מאַמען געזעסען אויפ'ן שיף „קייזער ווילהעלם דער ערשטער", וואָס האָט געפיהרט טויזענדע אידישע עמיגראַנטען קיין אַמעריקאַ.

ברוגז.

(אַ אונטערגעהערטער געשפּרעך).

— שוין לאַנג, אַז דו ביזט מיט איהר ברוגז?

— צוויי יאָהר. יענע וואָך איז געוואָרען צוויי יאָהר.

— צוויי יאָהר! ווי קען מען דאָס זיין ברוגז מיט אַ מאַמען צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד?

— ווי קען מען? זעהסט דאָך ווי מען קען. פרעג בעסער ווי קען מען לעבען מיט איהר אין איין שטוב יאָהרען לאַנג? און איך האָב געלעבט מיט איהר אין איין שטוב מיין גאַנצען לעבען. אַ לעבען איז דאָס געווען? — ניין, אַ קאַטאָרגע. איך וואונדער זיך נאָר: ווי האָב איך דאָס געקענט אויסהאַלטען. ניט איין מאָל בין איך אַנטלאָפען, ניט איין מאָל האָב איך זיך געוואָלט אַ מיתה אָנ-טהאָן. ווי קען מען זיין ברוגז? — פרעגסטו. איך זאָג דיר, אַז איצטער לעב איך אָב, איצטער איז מיר גוט. איך פיהל, אַז דאָס האַרץ איז מיר אָבגעגאַנגען.

— נו, און מיט איהם רעדסטו?

— מיט איהם? וואָס האָב איך צו איהם? צום טאַטען האָב איך גאָר נישט. אַז ניט ער וואָלט איך אין שטוב אַ טאָג ניט געווען...

— וואָס איז דאָס? איז זי אַזאַ שלעכטע?

— וואָלט זי געווען אַ שלעכטע, ווייס איך, אַנעק! אָבער מיינסטו, אַז זי האָט מיך ניט ליעב? זי האָט מיך ליעב — אָט דאָס איז די צרה. פאַר לייטען איז גאָר אוים די וועלט: מיין פּעגעלע און מיין פּעגעלע. איך ווייס גאָר ניט, וואָס מיט איהר איז? אַ משוגעת! אָבער וואָס איז מיר דער גליק, אַז זי האָט מיך ליעב. עסט זי מיך מעהר, טאָמשעט זי מעהר. הער אַ געשיכטע: דאָס איז געווען איידער איך האָב מיט איהר געסטאָפּט¹) צו רע-

¹) אויפגעהערט.

דען. מיט אַ האַלב יאָהר פֿריהער האָב איך מיט איהר איך ניט גערעדט, דאָס איז שוין ניט דעם ערשטען מאָל. נאָר פֿריהערדיגע צייט פֿלעגט דאָס קיין סך ניט דויערען, ווערט זי פּלוצלונג גיט: הויבט אָן צו רעדען. נו, זאָל זיין גוט פֿריינד. מיינסט מיר איז גוט, אַז איך בין ברוגז? געדט צוועק עטליכע טעג. איך האָב מיר גע־מאַכט אַ סים [2]. געדט זי צו, נעהמט טאַפּען די ווייסט [3] און די סקוירט [4]. איהר איז ניט געפֿעלען. האָט זי מיך אָנגעהויבען צו עסען און צו מאַכען אַ „מי שברך". די וועלט האָט געקעהרט. די צייט איז איהר ניט געפֿעלען; דאָס געגני איז איהר ניט געפֿעלען. לםאי בין איך מיט איהר ניט געגאַנגען? למאי קאָמאַנדעווע איך אַליין! הערסט אַ געשוכטע! איך האָרעווע און האָרעווע און גיב די צוועק יעדע וואָך מיינע ווייַדושעס [5], ביז אַ פּעני. זאָל איך ניט קענען מאַכען אַ קלייד, ווי איך וויל. וואָס מאַכט דאָס דיר אויס, זאָג איך, וואָס מישט זיך? איך דאַרף דאָך טראָגען — ניט דו.

— ביזטו דערפֿאַר גאָר אין גאַנצען ברוגז געוואָרען?

— ניין, ניט דערפֿאַר. איך וואָלט דערפֿאַר ניט געקעהרט [6]. דער איצטיגער ברוגז איז פֿאַר אַנאַנדערע זאַך. דו ווייסט דאָך, אַז איך גיעב צוועק אַלין ביז אַ פּעני. ניט ווי בעסי, די אינגערע שוועסטער. יענע גיט נור פֿיער דאָלאַר אַ וואָך, די איבעריגע לאָזט זי זיך, זי איז אַגאַמתע יענקי...

— נו, און ווי שטימט זי, בעסי, מיט דער מאַמען?

— זי? זי איז אין איהר געראָטען. דאָ רייסט מען זיך און דאָ איז: מאַמינקע... און אַזוי איז אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג... איך קען דאָס ניט. ביי מיר איז ניט אַזאַ נאַטור: אַז גוט איז גוט, און אַז שלעכט איז שלעכט...

— ווי אַזוי זשע ביזטו געוואָרען דאָס מאָל ברוגז?

— דאָס איז געווען נאָך מיין קרענק. קראַנק בין איך געווען עטליכע וואָכען. דערנאָך, אַז איך בין אויפֿגעשטאַנען, האָב איך נאָך געדאַרפֿט אויסרוהען: שלאַף בין איך געווען.

נעהמט זי מיך טרייבען: וואָס זיץ איך אין שטוב? וואָס זיץ איך אויף איהר קאַרק? וואָס געה איך ניט אַרבייטען?

איך ווייס ניט, צו איז דאָס געווען שלעכטסקייט, צו זי האָט גלאַט געדאַרפֿט האָבען עפּיס אַ צוטשעפּ, צו עסען מיך. זי האָט

---

[2]) אַ קלייד מיט אַ יאָזעל. [3]) יאַקעל. [4]) אונטערקלייד. [5]) פֿערדינסט.

[6]) געזאָרגט, זיך געקימערט.

דאָך שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ געלעגענהייט: הרי, פֿיר וואָכען נאָכאַנאַנד בין איך איהר געזעסען אויף די אויגען, געווען מיט איהר אין שטוב, היינט ווי קען מען אויסקומען, ניט עסען מיך. האָט דאָס מיך ווידער דערמאָנט. די קענסט זיך ניט פֿאָרשטעלען. מיינסט: עס איז געווען אַ נויט? ווי מ'זאָל נאָך ווייטער לעבען פֿון דער גראָסערי[7]. און ווער האָט זיי אויפֿגעבויט די גראָסערי? ווער האָט זיי אײַנ=געפֿאַרניטשט רומס[8] און געפֿיהרט די הוצאה באַלד ווי זיי זע=נען געקומען אין אַמעריקע? מיר. זיי האָט די גאַנצע צייט נאָר ניט געפּעלט. מיר האָבען געהאָרעוועט און איך מעהר פֿון אַלעמען. אַ קינד בין איך נאָך געווען, אַז איך בין געקומען אַהער, און האָב שוין אויף מאָרגען אָנגעהויבען צו אַרבייטען. פֿלעג קומען פֿון שאַפּ אַנגעמאַטערטע און שטעהן אויף די פֿיס ביז האַלבע נאַכט אין גראָסערי. לערנען זיך די שפּראַך, צו בעזוכען אַ מאָל אַ לעקטשור, אַ מיטינג — איז ניטאָ ווען. אַ גאַנצען טאָג פֿערשקלאַפֿט; פֿריהער אין שאַפּ, דערנאָך אין גראָסערי. יאָצטער בין איך שוין פֿרייער, איצטער האָב איך מיין טײַם[9]. פֿלעגט זי דערזעהן: איך נעהם אַ ביכעל, פֿלעגט זיך מאַן וועלטען. נאָך אין דערווײַם, נאָך אַ קינד אַז איך בין געווען. פֿלעג איך אַ מאָל וועלען עפּיס לערנען: לייענען צו שרייבען, פֿלעגט זי אויסרייסען דעם ביכעל, שילטען און שלאָגען. „אַ פֿילאָזאָפֿקע ווילסטו מיר זיין, אַ געבאַלבעטע פֿריי=לין!" וויפֿיל מאָל האָט זי מיך געשלאָגען און אויסגעטריבען פֿון שטוב דערפֿאַר און נאָך פֿאַר אַזעלכע זאַכען. איין מאָל האָב איך געמוזט נעכטיגען אין אַ קאַלטען פֿאָרהויז ביי אַ חבר'טע. אין שטוב האָב איך ניט געקענט, וואָרום איהר טאַטע און מאַמע האָבען ניט געטאָרט ווייסען. אין שטוב, ביי אונז, איז געווען תמיד אַ גיהנום, און אַז ניט דער טאַטע, ווייס איך ניט, וואָס וואָלט געווען מיט מיר...

— און ווי שטימט ער מיט איהר? דער טאַטע?

— איך ווייס טאַקע ניט. ער איז שוין געוואַהנט. ער טראָגט אַריבער, אָבער איך קען ניט; איך בין דאָך איהרע אַ טאָכטער...

נו, איז אַט דערמאָלסט, יענע עטליכע טעג נאָך מיין קראַנקהייט איז שוין פֿול געוואָרען די מאָס. איך בין אַוועק אַרבייטען. אָבער נעכטיגען בין איך שוין ניט געקומען.

— וואו האָסטו דען גענעכטיגט?

7) שפּייז=קראָם, 8) אויסגעמעבלירטע צימערן, 9) צייט.

— בײַ אַ חבֿרטע, וואָס האָט געאַרבײַט מיט מיר אין אײן שאַפּ. איך האָב בעשלאָסען אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל: איך וויל מעהר ניט זײַן מיט איהר אין אײן שטוב.

— איז וואָס געווען?

— איז געקומען דער טאַטע און בעט איך זאָל געהן צוריק אַהײם. און זי מײנסטו וואָס? זי האָט איהם אויך ניט געלאָזען לעבען: ער זאָל געהן ברענגען מיך צוריק אַהײם. האָב איך ניט געוואָלט געהן. נײן, — זאָג איך, — אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל: איצ-טער דאַרף נעהמען אַ סוף. נו, איז אַוועק אַזוי עטליכע טעג און זי האָט ניט אויפֿגעהערט צו שיקען דעם טאַטען. האָב איך ניט געקענט צוזעהן דעם טאַטענ'ס צער. בין איך געקומען.

— און פֿון דעמאָלסט אָן?

— פֿון דעמאָלסט אָן זענען מיר ברוגז. דאָס איז געווען אין אָבענד, אַז איך בין געקומען. זי האָט געוואַרט, אַז איך דאַרף קומען, האָט זי מיך בעגעגענט און איז מיר אַרויפֿגעפֿאַלען אויפֿן האַלז און האָט מיך גענומען קושען. האָב איך זיך אַרויס-געריסען פֿון איהר. „אַוועק!“ זאָג איך, און בין אַוועק ווײַטער, און האָב מיט איהר ניט גערעדט. פֿון דעמאָלסט אָן זענען מיר ברוגז. שוין צוויי יאָהר.

— און פֿאַר די צוויי יאָהר האָט זי קײנמאָל ניט געפּרובט רעדען מיט דיר?

— אײן מאָל האָט זיך געמאַכט. אַ נײַעם סוט האָב איך מיר גענייט, און האָב אָנגעטאָן. געהט זי צו, גיט אַ טאַפּ די ווייסט, גיט אַ קוק אויף מיר און מאַכט: טראָג געזונטערהייט!

— האָסטו איהר געענטפֿערט?

— נײן, איך האָב ניט געענטפֿערט. איך האָב נאָר אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך דאַמאָלסט געוויינט... פֿאַר וואָס איך האָב ניט געענטפֿערט. זי האָט אויך געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב זיך געוואָלט אויפֿעסען: פֿאַר וואָס איך האָב אַזאַ האַרץ... אָבער איך האָב ניט געקאָנט... עס האָט מיך ניט גע-לאָזען... וואָס בין איך שולדיג?

זײַנע צװײ טעכטער.

(א געשפּרעך אין א שוסטער־געװעלב)

איך האָב געדאַרפֿט פֿיקסן[1] מײַנע שיך און בין אַרײַן אין דעם ערשטן בעסטן ביזנעס[2], איבער װעלכן עס איז גע־האַנגען א שילד מיט אַן אױסגעמאָלטן שטיװעל.

דער שוסטער האָט אױסגעזען אַ גרינגער און איז געװען גערן צו פֿאַרפֿירן אַ געשפּרעך מיט אַ קאַסטימער[3]. דאָס איז גע־װען אַפּ־טאַון[4], אין מעדיסאַן עװעניו[5]. איך האָב באַטראַכט דעם ביזנעס — אַ פּוסטע שטוב: בײַ אײן װאַנט לעבן װינדע[6] איז גע־שטאַנען דער שוסטער־טישעל מיט אַלע קלײפּערגעצײַג; אַנטקע־גען, אין דעם אַנדער עק איז געשטאַנען אַן אײַזערנע בעטל, אַבי װי פֿאַרבעט אין צוגעדעקט מיט אַן אַלטע קאָלדרע.

— איהר װאױנט דאָ אַלײן? האָב איך געפֿרעגט.

— אַזױ װי איהר זעהט, אײנער אַלײן, האָט מיר געענטפֿערט דער שוסטער.

— האָט איהר, פֿאַמיליע דאָ, צי אין דער הײם?

— אי דאָ, אי אין דער הײם.

— זײַט איהר שױן לאַנג אין לאַנד?

— באַלד צװײ יאָהר.

— האָט איהר דאָ דערװאַקסענע קינדער?

— יאָ.

— זײ אַרבײַטן?

— זײ אַרבײַטן, װי־װשע; מאַכען אַ פֿײַנעם לעבען.

— פֿאַר װאָס װױנט איהר ניט צוזאַמען מיט זײ?

---

[1]) פֿאַרריכטן. [2]) קעלער. [3]) קונה. [4]) העכער טײל. [5]) עװעניו—הײסט אַ ברײטע גאַס. [6]) פֿענסטער.

— מיר זענען געווען פֿריִער צוזאַמען, פֿאַרנומען רומס[7], איז געווען ניט גוט.

— פֿאַר וואָס איז געווען ניט גוט? האָט איר ניט געדויזט?

— ניין, ניט דאָס. הייַזען האָט מען געדויזט. מײַנע זין, צוויי בחורים האָבען מיר נאָך איצטער אויך אויסגעלעגט פֿיערציג דאָלאַר אויף דעם בייסמענט. נאָר קיין בעל־הבית'טע איז ניט געווען. פֿאַרשטעדט איהר מיך. צוויי מיידלעך האָב איך (איינע איז שוין אַ ווייבעל), איז איינע געווען אין שטוב. די אַנדערע האָט געאַרבייט. האָט די וואָס אין שטוב אויך געוואָלט גערן אַרבייטען. „וואָס דאַרף איך זיין אַ דיענסט" — זאָגט זי — און נאָך ושעדנע זיין אין אַ סענט. אַ מעהר ווייל איך גערן אַרבייטען און זיין אַזאַ פּריצטע ווי אַלע מיידלעך. איז ביי אונז געבליבען: אַלע זאָלען אַרוים פֿאַר זיך. די עלטערע מיידעל האָט חתונה געהאַט, און איך האָב גענומען אַ בייסמענט פֿאַר זיך.

— פֿערדיענט זיך דאָ?

— אויסגעזעהן האָט לכתחילה גאַנץ שען. אַרום זענען ווייניג שכנים; דער אָרט איז אַ לעבעדיגער. נאָר אַרבייט איז וועניגלעך.

— וועמען האָט איהר אין הערהיים?

— אַ ווייב מיט נאָך דריי קינדערלעך זאָלען געזונד זיין.

— קלערט איהר זיי ברענגען אַהער?

— ביז אַהער האָב איך ניט געקלערט. איך האָב גערעכענט צו פֿאָהרען צוריק אַהיים. איך האָב פֿיינט אַמעריקאַ. דאָרטען ביי זיך אין שטעדטיל, בין איך געווען פֿון די חשוב'ע בעל־הבתים, געהאַלטען אַ ספֿר אין האַנד, געהאַט אַ דעה אין שטעדטיל, געהאַט אַנ'איינען הייזעל, מיט אַ בהמה און אַ שטאָדט אין מזרח־וואַנד. געווען אַ גאַנצער „יאַ מטשעבע דאָם". דאַנקען גאָט, מיר האָט גאָר נישט געפֿעהלט".

— פֿאַר וואָס זשע זייט איהר געפֿאָהרען נאָך אַמעריקאַ?

— פֿאַר וואָס? די קינדער זענען צופֿאָהרען, די עלטערע באָיעס[8] מיט די מיידלעך, האָבען זיי געשריבען: טאַטע, קום צו פֿאָהרען. מיר וועלען זיין אַלע אין איינעם. נאָר איך האָב ניט געהערט; מאַלע וואָס זיי שרייבען. פֿאַר זיי איז גוט אַמעריקאַ, פֿאַר מיר איז גוט אין דער היים. האָט זיך אָבער אָנגעהויבען אַ סדרה, מיט די 300 רובל. דער לעבען איז מיר פֿערוואַקעלט געוואָרען. פֿון דעמטוועגען וואָלט איך זיך געגעבען אַנ'עצה. אַבי ניט פֿאָה-

---

[7]) צימער, אַ דירה; [8]) אינגלעך, בחורים.

רען. יעצט איז מיר אָבער נאָך מעהר מיאוס געוואָרען דער לעבען פֿון איהר.

— פֿון וועמען, פֿון איהר?

— פֿון דער ווייב. די צווייטע ווייב האָב איך. די קינדער וואָס זענען דאָ, אין אַמעריקאַ, זענען פֿון דער ערשטער. אַ צווייג האָט זי אָנגעפּאַמפּעט, אין שווערע יאָהרען, נעהמט זי וועגען, זאָגען — איז אַוועק דער לעבען...

האָב איך איהר געזאָגט: געדענק, אהרה, איך וועל דיך ״קריגען״ אין ״דינגען״. איך פֿאָהר אין אַמעריקאַ צו די קינדער און דו וועסט דאָ ״קריגען די גאַל״.

האָט זי אַלץ געמיינט, אַז איך סטראַשע זי, ווייל זי האָט, פֿאַרשטעהט איהר מיך געוואוסט, ווי אַזוי איך האָב אַמעריקאַ. פֿלעגט זי זיך נאָר אויסלאַכען פֿון מיר: ״גיה, שוין גיה, גרויסער העלד מיינער, אין אַמעריקאַ וועט ער פֿאָהרען!״ — איך וועל פֿאָהרען, האָב איך געזאָגט, — אויב דו וועסט נישט איינהאַלטען דיין צונג, דו וועסט זעהן, אַז איך לאַך נישט.

אָבער זי האָט איהר מויל נישט איינגעהאַלטען און האָט מיך פֿאַרטריבען אין אַמעריקאַ.

דאָ אין אַמעריקאַ פֿעהלט מיר גאָר נישט. איך אַרבייט פֿון דעם ערשטען טאָג אָן, קען מען זאָגען, און פֿאַרדין מיין הוצאה, און עס בלייבט נאָך אַ פּאָר דאָלאַר אויף שיקען אַהיים. די קינדער זענען לייטישע, איך האָב צו זיי גאָר נישט. די מיידלעך זענען פֿאַרשיינען, און נישט קיין פּראָסטע אויך. די עלטערע, וואָס האָט נישט לאַנג חתונה געהאַט, איז געווען אין שטעטעל באַ-רימט פֿאַר אַ קענערקע. זי האָט געקענט גוט תנ״ך און לשון קודש. דאָ אין אַמעריקאַ, איז מען נאָך איהר נאָכגעלאָפֿען. בחורים האָבען די טירען איהרע געקוישט, געהוליעט נאָך איהר. און די מיידעל איז נאָך אַ שענערע פֿון דער ווייבעל. און זי פֿעהלט מיר אויך אַלץ, נישט ווי יענע...

— יענע האָט נישט געפֿעהלט?

— יענע האָט נישט געפֿעהלט. אַ גרויסע בעל גאווהטע איז זי, איהר קענט זיך נישט פֿאָרשטעלען. וואָסערע שדוכים מ׳האָט איהר צוגערעדט. פּאַטעם העלדען; מיט טויזענד דאָלאַר, מיט 12 הונ-דערט דאָלאַר, דראָמערס[9], ביזנעס-לייט[10] זענען נאָך איהר אום-געגאַנגען. און זי האָט פֿון אַלעמען געמאַכט אַ געלעכטער: זער

[9]) וואַיאַזשאָרע, רייזענדע, [10]) סוחרים.

רעדט ניט שײן, דער שטעהט ניט שײן. איז װאָס מײנט איהר, איז געװען דער סוף? האָט זי גענומען אַן עקספּרעסמאַן, [11], אַ פּשוט'ן פּעדלער, װאָס פאָהרט מיט'ן עקספּרעס.

אַ לאַנדסמאַן איז ער אַפילו, נאָר אַ פּראָסטער בחור געװען. איז ער אָבער פון איהר ניט אָבגעטראָטען. אונטער די פיס איז ער בײַ איהר געלעגען. װי פאַר אַ גובערנאַטאָר איז ער פאַר איהר געשטאַנען, איז דאָס איהר געפעלען געװאָרען. װאָרום זי איז אַ גרױסע בעל גאװה'טע, האָט ליעב צו הערשען — אַ גװאַלד.

איצטער איז ער בײַ איהר װי אַ פערדיל אין שפּאַן. װאָס זי הײסט — טוט ער, זי מעג איהם זאָגען קריך אױפ'ן דאַך. זאָל זי זאָגען איצטער אין מיטען העלען טאָג, אַז ס'איז נאַכט — איז בײַ איהם נאַכט. אָט אַזאַ כח האָט זי אױף איהם.

ניט לאַנג בין איך געװען בײַ זײ. „חיים", — זאָג איך, „קום מיט מיר אַביסעל אין סטריט". גיט ער איהר אַ קוק אין די אױגען: װאָס װעט זי אױף דעם זאָגען. מאַכט זי: נײן! מ'דאַרף ניט געהן. מײנט איהר װאָס? זי האָט גאָר נישט געמײנט. האָט נאָר געװאָלט פאַר מיר װײַזען, װאָס פאַר אַ כח זי האָט אױף איהם, און מעהר נישט. און ער איז ניט געגאַנגען.

אָט דאָס האָט זי געװאָלט און דאָס האָט זי געקראָגען.

— נו, און די אַנדערע, די אינגערע טאָכטער? האָב איך געפרעגט.

— יענע איז שױן גאָר אַן אַנדער מענש, טױזענד מאָל שענער פאַר דער עלטערער? אָבער זי פאָלגט. פון איהר װעל איך קײן צער ניט האָבען. נאָר דאָ ניט לאַנג האָב איך געהאַט דורך איהר אַביסעל עגמת נפש, און האָב געמוזט לאָזען אַ גוטען בײַסמענט, אַן עבֿרה, אָבער זי איז ניט שולדיג.

— װאָס איז דער מעהר?

— צוליעב דעם לענדלאָרד [12]. דאָס הײסט ניט צוליעב דעם לענדלאָרד, נאָר צוליעב דער לענדלאָרדיכע, משוגע זאָל זי װערן, מאַקע אױף צו נ'אמת'ן.

— װאָס איז געװען מיט דער לענדלאָרדיכע?

— װאָס איז געװען? פאַלט אַרײַן אַ מאָל צו מיר אין בײַסמענט, תאַרפּט זיך אַרױף מיט אַ גװאַלד, אױף לאַהקען, די אינגערע מײדעל הײסט דאָס מײנע; די אױגען און אױגען, די חצופה, די האָלטײַקע'ז" און נאָך אַזעלכע שענדליכע נעמען.

---

[11] פוהרמן, קאַראַטשניק. [12] בעל־הבית.

איך קוק איהר אין די אויגן, די מײדעל מײנע קוקט מיר אין די אויגן. וואס איז? וואס איז דער מעהר? פרעג איך.

— וואס איז דער מעהר? אַ פגירה וועל איך דיר מאַכן! מײַן מאַן ווילסטו אַבריידן, אַ לענדלערקע ווילסטו ווערן, אַ כפרה ווערסטו ווערן, די חצופה...

איך בין אַוועקגעלאָפן צום לענדלאָרד. אַן אַלטער, אַ גרויער מאַן, אַדאַי פון 70 יאָהר. וואס האָט צו מיר אײער ווײַב, זאָג איך, איך קען דאָך אין בײַסמענט ניט אײַנזיצן.

— דאָס איז בײַ איהר אַזאַ משוגעת, זאָגט ער, נישט קשה, ניט שרעקט זיך. איצטער האָט דאָס איהר אָנגעכאַפּט. איך וועל רופן אַ דאָקטאָר.

— און ווי איז די מעשה, האָב איך געפרעגט. האָט ער מאַכע מיט איהר אַמאָל גערעדט, מיט דער מײדעל, הײסט עס?

— נאָ, וואס רעדט איהר! ער איז אַ פּאָר מאָל אַרײַן צו מיר אין בײַסמענט. זי האָט אויף איהם נאָר אפילו ניט אַ קוק געטאָן. כאַ-כאַ-כאַ! אַן אַלטער מאַן פון 70 יאָהר. האָט זיך איהר געדאַכט, דער אַלטער לענדלאָרקע, אַז ער געהט, הײסט דאָס, צוליעב דער מײדעל.

מילא, וואס זאָל איך אײַך זאָגן, דער לעבן איז מיר מיאוס געוואָרן. אַלע ווײַלע איז זי אַרײַנגעלאָפן און געמאַכט סקאַנדאַלען. עס האָט גאָר ניט געהאָלפן.

קלער איך: ברעך דעם קאָפּ, ווי מיט דײַן אַלטען לענדלאָרד! און האָב אַרויסגעמופט[13] אַוועק. אַז ניט דאָס, וואָלט איך נאָך דאָרטן געבליבן. אַ שאָדען: אַ גוטער בײַסמענט איז דאָס געווען. אַז איך וואָלט דאָרטן געבליבן, וואָלט איך שוין אויך ימים טובים געקענט ברענגען אַהער מײַן „אַרורה“ מיט די קלענערע קינדער.

— קלערט איהר שוין ניט צו פאָהרען אַהײם צוריק?

דער שוסטער האָט אַ זיפץ געטאָן.

— וואו אַ היים. איצטער... די מלחמה... עס איז אומעטום, אַ חורבה אין דער היים... שוין בעשערט צו בלײַבן דאָ, אַנ-
אַמעריקאַנער...

---

13) זיך אַרויסגעקליבן.

PROGRESSIVE LIBRARY
&
FEDERATION
Reorganized Dec 1903.
TRENTON, N. J.

דער ראמאן פון א פּיקטשור.[1]

מיר זענען געזעסען — א קליינע פערזאמלונג: א טייל פון באַקאַנטע לאנדס-לייט, א טייל פון גלאט באַקאַנטע גרינע און אויסגעגרינטע יונגע-לייט. עס איז געקומען צו רייד וועגען די איינדריקע, וואס יעדער איינער האט באַקומען פון אלעס וואס ער האט געזעהן און געהערט די ערשטע טעג נאך זיין אנקומען אין דער נייער וועלט. די איינדריקע פון אייניגע, איבערהויפּט דער טאן, מיט וועלכען עטליכע אויסגעגרינטע האבען דערצעהלט פון זייער ערשטער גרינקייט — זענען געווען גאנץ אינטערעסאנט. נאר אינטערעסאנטער פון אלעמען — פאר מיר ווענינסטענס, — איז געווען די ערצעהלונג פון מיינעם א לאנדסמאן, וואס איז ניט זעהר לאנג אין לאנד, און האט זיך פיין ארויפגעארבייט אין אמעריקא, וועגען זיין ראמאן מיט א „פּיקטשור", וואס איז געווען ארויסגעשטעלט אין איינע פון די שויקייסעס[2] אין גרענד-סטריט. ער האט דערצעהלט מיט דעם טאן פון א גרויסען מענשען וואס דערמאנט מיט א שמייכעל קינדערשע נארישקייט, נאר מיט אזא נאטירליכקייט און התלהבות, וואס האבען יעדען איינעם איבערצייגט, אז אלעס וואס ער האט דערצעהלט איז געווען א ווירקליכע פּאַסירונג און פּאַסירט האט דאס אלעס פונקט ווי ער האט דערצעהלט.

„דאס איז געווען אונגעפעהר א מאנאט נאך מיין קומען אין לאנד"— האט אנגעפאנגען מיסטער—לאמיר איהם אנרופען — מיסטער קיילין. — איך האב א סענט ניט געהאט אין פּאַקעט[3]. דעם ערשטען טאג וואס איך בין אראב פון שיף. קיין פריינד, קיין קרוב, קיין גואל, א חוץ א פּאר אדרעסען צו באַקאַנטע פון דער היים. פון די אדרעסען האט זיך אויך גאר נישט אויסגעלאזען: איינעם — ניט אויסגעפונען, דעם אנדערען ניט געטראפען אין דער היים און געמאטטען אומזיסט דריי הונדערט מיט נײַן און זעכציג בלאָק[4] צו פוס, דאס הייסט דריי מאל צו 123 בלאָק,

---

[1] א בילד, [2] גרויסע שויבען, וויסטאוועס. [3] קעשענע. [4] קווארטאלען.

אַפּטאַון[5], דער דריטער האָט געמאַכט אַ װיִערע מינע און האָט געהײסען קומען נאָך אַמאָל װען ער װעט צײַט האָבען. איך בין, פֿערשטעהט זיך, צו איהם מעהר ניט געגאַנגען. און בין אויסגע־קומען אָהן זײ. און װי איהר זעהט בין איך אָלל רײַט[6]. אָבער די ערשטע דרײַ מאָנאַטען איז געװען זעהר טרויעריג.

איך האָב קוים געקראָגען אַ סװעט־שעפּעל[7] און געזעצט זיך בײַ דער מאַשין. איך האָב געװאוסט אין דער הײם, אַז איך װעל דאָס מוזען פֿערזוכען. אָבער די װירקליכקײט איז געװען אַ סך ביטערער, װי איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט. דערצו: די אײנזאַמקײט, די עלענדקײט — מיט װעמען אַ װאָרט אויסצורײדען איז ניט געװען. אין שאַפּ זענען געװען אַזעלכע מענשען, מיט װעלכע מען האָט זיך ניט געקענט קאָמפּאַנירען. דערצו האָבען זײ געקוקט מיט פֿעראַכטונג אויף אַ גרינעם.

געשלאָפֿען האָב איך אין אַ פֿינסטערען סעלאַר[8] װאָס אַ ביטערער קבצן, אַ שוסטער, אַ קראַנקער, האָט געהאַלטען אין טשערי־סטריט. דער שוסטער איז געװען אײנער אַלײן. פֿאַרדינט האָט ער אויך קדחת. אַלײן איז ער געװען קראַנק און האָט נאָך געדאַרפֿט שיקען פֿון זײַן פּרנסה דער װײַב און זעקס קינדער ערגעץ אין אַ פּוילישער שטעדטעל. איך זאָג אײַך: עס איז געװען משוגע צו װערען. פֿאַרדינט האָב איך צװײ דאָלאַר אַ װאָך און דערנאָך דרײַ און דערנאָך װײַטער צװײ, װײַל עס איז געװאָרען סלעק[9]. נאָר מיר האָט קײן זאַך אַזוי ניט געקימערט װי די װיסטקײט און אײנזאַמקײט. עס זענען געװען מאָמענטען, װאָס איך בין געװען נאָהענט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד פֿון אומעט.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז איך געה פֿון דער אַרבײט און שטעל זיך אָב קוקען אין אַ שאָו־קײס פֿון אַ פֿאָטאָגראַף. דאָס איז געװען אין גרענד־סטריט. געאַרבײט האָב איך אין ריװינגטאָן און געװאָהנט אין טשערי־סטריט. האָב איך אימער געדאַרפֿט דורכגעהן דורך גרענד.

די קאַרטעס אין דער שאָו קײס האָבען געהאַט אַזעלכע גלײַכגילטיגע הילצערנע פּנימער, װי די מענשען װאָס זענען געשװאָמען פֿאַרבײַ הין און צוריק. מײַן ברוסט האָט דורכגענומען אַזאַ שמערצליכער אומעט און פֿערדרוס, אַז איך האָב שיער געװאָלט צו־

---

[5]) היבער טײל שטאָדט. [6]) גאַנץ פֿײַן. [7]) אַ שװײס־מאַסטערסקאַיע, ד"ה װאו די ארבײטער ארבײטען שװער און בעקומען קנאַפּליך בעצאָהלט. [8]) קעלער [9]) ארבײטסלאָזיגקײט.

ברעכען איינע פון די ראהמען אין דער שאו־קייס. און פלוצלונג איז געפאלען מיין בליק אן א זייט, אין א ווינקעל פון שאו־קייס, און איך האב דערזעהען א גאנצע פאמיליע, א גרופע, וואס איז בעשטאנען פון 7 פערזאן, א פאטער, א מוטער, צוויי גרויסערע באיעס און צוויי קליינע מיידלעך. אין מיטען איז געשטאנען די די קעניגען פון דיזער גאנצער גרופע, זי — די העלדין פון מיין ראמאן.

איך מעג פארקומען לעכערליך. איך ווייס עס, און מיר לאכט זיך איצטער אויך דערפון, אבער איך זאג אייך, אז אין יענעם מאמענט בין איך געוואָרען אזוי ווי צוגעקלעפט צו דער פיקטשור. דאס איז געווען א אונגעוועהנליכע פאזע, און אונגעוועהנליכע טיפען, ווי איהר קענט טרעפען זעהר זעלטען אין די שאו־קייסעס פון די ניו־יארקער פאטאגראפער. צום ערשטען אויגענבליק האט זיך מיר געדאכט, אז די פאמיליע איז מיר בעקאנט: איך האב ערגעץ די מענשען געזעהן.

איהר ווייסט, אז דאס טרעפט זיך אמאל: דער מענש וואס מאכט אויף אייך א שטארקען איינדרוק — שיינט אייך אזוי ווי בעקאנט. וואו האב איך זיי געקאנט זעהן? האב איך מיר געבראכען דעם קאפ. איך האב זיך צוגעקוקט נעהענטער. די פאמיליע איז געווען אזוי ווי לעבעדיג, אזוי ווי זי וואלט צו מיר גערעדט. און בעזאנדערס זי: די העלדין פון מיין ראמאן. דער פאטער און די מוטער האבען אויסגעזעהן נאך כמעט יונגע מענשען, נאר אזוי בנעימות'דיג, אזוי סאליד און גוטהערציג, אז עס האט ניט ווילענדיג געצויגען צו זיי. זיי האבען בשום אופן ניט אויסגעזעהן ווי היגע, אמעריקאנער; נאר ווי קליין שטעטעלדיגע בהרחבה'דיגע בעלי־בתים. אויף אלעמענס פנים'ער פון די קליינע ביז די גרויסע איז געלעגען עפעס א מאדנער חן, א קלעפיגקייט. גוטסקייט און אפענהערציגקייט האט צו אייך גערעדט פון די אויגען. די ביידע באיעס זענען געשטאנען אין זעהר א צופריעדענער פאזע. זיי זענען געווען ממש גליקליך. די קליינע מיידעלעך זענען אונטען געזעסען מיט אפענע מיילעכלעך און געקוקט מיט א ביטער, אבער זיסער מינע אויף איהר, אויף דער שוועסטער. דיזע איז געשטאנען פון הינטען צווישען דעם טאטען מיט דער מאמען, וועלכע זענען געזעסען אזוי רוהיג און געקליבען נחת פון דעם גאנצען עולם. עס האט אויסגעזעהן, אז דער מיטעלפונקט פון אלעמענס גליק און צופרידענהייט איז געווען זי. און זי האט ווירקליך געהערשט איבער אלעמען אזוי ווי אני־

שנעל, ווי אַ גוטער ענגעל. איהר גאַנצער קערפּער איז געווען אַזוי האַרמאָניש געבויט, אַזוי ביינזאַם, אַזוי לייכט און אויף איהר געזיכט איז געווען אויסגעגאָסען אַזאַ חן, אַזאַ חן...

מיר האָט זיך געדאַכט אַזוי ווי זי זאָגט: „עלענדער מענש! וואָס קלערסטו, וואָס ביזטו פערצווייפעלט? קום צו אונז, מיר זענען ניט גלייך צו די אַלע קאַלטהערציגע מענשען, וואָס דו זעהסט דאָ אַרום. קום צו אונז. מיר וועלען דיך צונעהמען פריינדליך, טרייסטען דיך, פאַרטרייבען דיין מרה-שחורה, וואָרום מיר זענען גוטע און אימער בערייט צו טרייסטען און העלפען יעדען וואָס ליידט.

אַ צייט בין איך געשטאַנען לעבען דער שאָו-קיים. מיר איז שווער געווען אָבצורייסען זיך. אָבער אַ רעגען האָט אָנגעהויבען צו שפּריצען און איך האָב מיך דאָך געמוזט שיידען מיט מיינע איינציגע גוטע פריינד דאָ אין דער ווייטער, ווילדער לאַנד.

פון דאַמאָלס אָן האָב איך טעגליך בעזוכט די דאָזיגע שאָו-קיים. צוויי מאָל אַ טאָג, געהענדיג צו דער אַרבייט און פון דער אַרבייט. און יעדען טאָג האָב איך אין זיי דערקענט נייע שטריכען, יעדען טאָג איז זי מיר געוואָרען ליעבער און טייערער. איבערהויפּט דערפאַר וואָס זי איז אַזוי פּשוט ביי זיך און נאַטירליך, וואָס זי קוקט אַזוי פריינדליך אויף אַ גרינעם...

איהר לאַכט... אָבער איך זאָג אייך, אַז איך האָב דאַמאָלס פערגעסען מיין גאַנצע ביטערקייט, און האָב אָנגעהויבען צו קלערען, אַז אַמעריקאַ איז דאָך נישטקשה פון אַ לאַנד...

אָט אַזוי זענען אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטען. מיינע אומשטענדען האָבען זיך אַביסעל געביטען צו בעסער. איך בין געוואָרען אַ קאָסטימער [10] פּעדלער און האָב געמאַכט מיינע 8—10 דאָלאַר אַ וואָך. האָב שוין געוואָהנט אין אַ בעסערען רום, אין אַ סעפּרעט [11]-רום. מיינע קאָסטימער זענען געווען אין אַ גאַנץ אַנדער געגענד. אָבער גרענד-סטריט האָב איך געמוזט בעזוכען צוויי מאָל אַ טאָג ווי פריהער, חאָטש איך האָב געדאַרפט אָנלעגען וועג.

דאַן איז ביי מיר אַריין אַ געדאַנק: איך זאָל אַריין צום פאָטאָגראַף, מאַכען עפּיס אַ תירוץ און פרעגען, צו קען ער מיר ניט געבען די אַדרעס פון די דאָזיגע לייטע, ערקלערענדיג איהם, אַז דאָס זענען מיינע לאַנדס-לייט און איך וויל זיי אויסגעפינען. גאָר

---

[10]) אַ קאָסטומער — הייסט אַ קונד, קאָסטימער-פּעדלער הייסט אַ פּעדלער וואָס האָט זיינע בעשטימטע קונדען. [11]) אַ בעזונדער.

אַזאַ ליגען האט זיך געקענט לייכט ארויסדרייען. דערצו בין איך פון דער נאַטור זעהר אַ שעמעדיגער. איז דערביי געבליבען. און איך האב מיר געמאַכט מיינע וויזיטען אין גרענד-סטריט ביז....

בין אין אַ שענעם פרידמאָרגען... עקסקיוז מי[12], דאָס איז געוועזען אין אָבענד-צייט — בין איך געקומען צו מיינע פריינד און... האב קיינעם ניט געפונען...

די גרופּע איז מעהר ניט געווען. עס איז געוואָרען אַ איבערקעהרעניש אין דער גאַנצער שאַו-קיים. נייע צורות מיט נייע נעזער, אַזעלכע קאַלטע און הילצערנע ווי פרידער. אויף „זייער" פּלאַץ אין אַ זייט אין אַ ווינקעל איז געהאַנגען אַנאַנדער בילד, עפּעס אַנ׳איינגעפּראַנטעוועטע, פאַרשמאַלצעוועטע מויד מיט אויך אַזאַ דיקען פאַרשמאַלצעוואַטען, צופּיעשטשעטען הינטעל.

איהר קענט אייך פאָרשטעלען, וואָס איך האב דאַמאָלס געפיהלט צו דער דאָזיגער מויד און צום הינטעל... עס האָט מיר געקאָסט פיעל אַנשטרענגונג איך זאָל ניט אַרויפלויפען צום פאָטאָגראַף און אויסלאָזען אויף איהם כל המתי פאַר ½ נייע פאַראַנדקעס וואָס ער האָט מיר געמאַכט אין דער שאָו-קיים...

איך בין אַוועק מיט אַ צואוויייטאָגטער האַרץ. מיר איז וויי-טער געוואָרען פּוסט און וויסט די גאַנצע וועלט. צום גליק האָט עס לאַנג ניט געדויערט. איך בין געוואָרען אַנ׳איידזשענט[13] פון אַ פירמע און האָב אָנגעהויבען צו מאַכען אַ פיינעם לעבען. דאָ, פערשטעהט זיך, האָבען זיך שוין אָבגעיאָוועט לאַנדסלייט און גוטע פריינד. דערצו האָב איך שוין דערגאַנגען נישטקשה די שפּראַכע און בין שוין געוואָרען בּיסלעך-ווייז אַמעריקאַניזירט.

איצטער דערצעהל איך דאָס אייך מיט אַ שמייכעל. אָבער דאַמאָלס... דאַמאָלס — קענט איהר מיר גלויבען — איז מיר גאָר ניט געוועזען קיין געלעכטער...

[12]) ענטשולדיגט מיר. [13]) אַגענט.

בעקאנטמאכונג צו אללע לעזער

פון דער פראָגרעסיוו לייברערי ביי די ברענטשעס 90 און 222 ארבייטער רינג, אויך פון אידישען ברענטש 5, סאצ. פארטיי

די לייברערי קאמיטע ציהט אייער אויפמערקזאמקייט צו איינינע פיהרונגען ווי אויך פפליכטען און רעגעלען וועלכע איהר מוזט נאכקומען.

1) די לייברערי רומס זיינען אָפען ארויסצוגעבען ביכער יעדען אבענד אין וואך פון 8 ביז 10 אוהר, זאנטאגס און ימים טובים אויך פון 11 ביז 12 אוהר מארגענס.

2) ביכער צום לעזען ווערען געגעבען פ ר י י צו מעמבערס פון ארב. רינג, צו מעמבערס פון דער סאָצ. פארטיי און אויך צו די יעניגע פערזאנען פון זיי רעקאמאנדירטע.

3) צייטונגען און זשורנאלען קענען געלעזען ווערען אין לייברערי גופא און טאָהרען ניט גענומען ווערען אהיים אהנע ערלויבניס פון לייברעריען.

4) א בוך ווערט ארויסגעגעבען פון א לייברעריען אנגעבענדיג אייער נאמען און וואהנונג; אויב איהר געהט מופען אדער פאהרט אוועק לאזט פון דעם גלייכצייטיג וויסען.

5) בלויז 2 וואכען קענט איהר א בוך בעניצען, שפעטער פון דעם צאהלט איהר 1 סענט א טאג אדער איהר ווערט סוספענדירט.

6) א בוך טאהר ניט געהאלטען ווערען אין נאסקייט, טונקעלקייט אדער אונטער שפייז—טאהר ניט געפלעקט ווערען—א קליענער פלאמען איז דער בעסטער פריינד פון בלאט און בונד.

7) היט די גרינע קארט אויפ'ן טאוועל פון בוך, איהר מוזט זי צייגען בייטענדיג א בוך.

8) פאר פערלארענע ביכער ווערט בעצאהלט לויט'ן קאטאלאג פרייז.

ביכער געשענקטע ווערען מיט דאנק אנגענומען.

מיט אכטונג, לייברערי קאמיטע ארב. רינג.

27 ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL

פרייז 30 קאפ.

Книгоиздательство „Ди Вельтъ" Вильно.